STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00801

GEZANG FUN ZINKZAMD DOR

Dora Teitelboim

Permanent preservation of this book was made possible by
Eleanor Berman
in memory of
her parents, Morris & Lena Berman

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דאָרע טייטלבוים

געזאַנג פון זינקזאַמד דור

דאָרע טייטלבוים

געזאַנג
פון
זינקזאַמד דור

פאַרלאַג „ישׂראל־בוך"
תל־אביב, תשל"ג — 1973

דאָרע טייטלבוים

גזאַנג פון זינקזאַמד דור

פאַרלאַג „ישראל־בוך״, תל־אביב, איתמר בן־אבי 4

DORA TEITELBOIM

GEZANG FUN ZINKSAMD DOR

Poems

Publishing-House Israel-Book, Tel-Aviv, P.O.B. 1777

©

כל הזכויות שמורות

Printed in Israel 1973 נדפס בישראל

דפוס „ארזי״, תל־אביב

א

געזאַנג פון זינקזאַמד דור

די נאַכט — אַן אינדזל שטיינערנער אין מיטן ים
מיט רימענס זאַלציקע געשמיסן און געפּאַטשט.
קלאַפּט אין שויב אַ רעגן — פּאָדקעוועס אויפן שאָסיי.
רויטע פערד. שוואַרצע ריַיטער.
שאָטנס אין יסורימדיקן געדריי.
דאַרע ווינטן אין הויכע שטיוול
האַקן מיט לבנה־העק דעמבעס פאַר שיַיטערס.
האָרבאַטע בושלען שלעפּן שטערן
צום דערטרינקען.

*

פון וויַיטן די שטאָט —
אַ פעלד מיט רויט־צעבליטן מאָן.
דער הימל — אַ באַרג צעראָיעטער מיסט.
די שקיעה — אַ שוואַרצער הונגעריקער האָן
גראַבלט און זוכט אַ זאָט, אומזיסט.

*

כליפּעט מיַין קאַשטאַן־בוים אין פענצטער,
אַ צעדריקטער, אַ צעפליקטער, ווינד און וויי.
צאַפּלען צוויַיגן אין נעצן פון געשפּענסטער
און ס'פאַלן טרערן שטיינערנע פון זיי.

איבער מיר דאָס אויג פון אַ ציקלאָן
מיט חלומות געהאַנגענע אויף שטריק.
מיר קוקן פאַרשטאַרטע איינאַנדער זיך אָן.
מיר דוכט אַצינד: איך בין פון גלאָק
די אויסגעפליקטע צונג,
מיט קלאַנגען נישט דערקלונגענע,
געלעכץ פון נעכט וואָס ציִען זיך צו ליכט;
און פאַלן ביַים טויער פון פאַרטאָג.

אין נאַכט אַזאַ
ווען שטערן לעשן איינציקוויַיז זיך אויס
און ס'בויגט זיך הימל אַ צעקנייטשטער צו דער ערד,
אַ צעשפּליטערטע אין מבוכה־ווירבל איך ליג.
אַן אויסגעשריי
מײַן גוף
אויף ים פון חשכות ווערט.
אין נאַכט אַזאַ
ער
גייט פון זײַן באַהעלטעניש אַרויס
און יעדן רוף
פאַרצווייפלטן
ער הערט.
ער הערט.

א

אָ וואַנדראַגאָר,
האַר פון שטח און פון דויער,
טעג מיט נעכט ווי האָרדעס שאָף, שוואַרץ און ווײַסע
דו צערײַסט,
אין מעטעאָרן־טעפּ זייער בלוט דו גיסט אַרײַן
און יאָרן מיליאַסן זיך מיט זיי דו שפּײַזט
אַז ליכט מיט פינצטערניש זיך ראַנגלען תּמיד זאָל אין דיר.
יעדן שאָטן־שאָרך הערסט און זעסט פון ווײַט.
דעם גרענעץ פון אַ יש מאין עפנסט און פאַרמאַכסט.
מיט בראשיתדיקן ליכט־געפראַל
אין ענדלאָזן געפלאַטער און געשפּיר
דײַנע געשטאַלטן ענדערסט און דו בײַטסט;
אַ מאָל אַן איידלווײַס עניוותדיקע ביסט,
נאָך האַלבע נאַכט אויף אַלפּן־גלי
צום ווענוס־לאָמפּ זיך ציסט,
פון וואַנדער־ווינטן געצערטלט און געקאַרבט;
אַ מאָל אַ ים־אויער,
אַ שטערן־פיש מיט ווענוס־הענט אין ספּיראַל געדרייט,
מיט פּערל־פּינדזלען געצייכנט און געפאַרבט;
אַ מאָל אַן אָדלער
ציִען זיך צו דיר זאָל יעדעס אויג,
מיט קאַלטע פײַער־פליגל אין די הייכן,
נאָר קיינער דיך נישט קענען זאָל דערגרייכן.

ב

אָ וואַנדראַגאָר,
אַ וויסטע ווינטער־וויוגע,
פאַרפראָרן האָט די קנאָספּן פון מײַן דור.
גרויקייט פון זיקנה אין אויגן פון בתולות גלאָזט
פון שאָף און וואָלף די פעלן פאַרביטן.
וועגן אויף ימען צו פאָרטן פאַרשטעלט.
ווי אויף פּריירי־פערד, די שטריק
פאַלן טעג אונדז אויפן האַלדז.
אַ זקן אַ מידער — דער חלום.
דאָס קאָרן פון ווינטן געדראָשן.
די טרויבן פון לעבן פאַרדאַרט.
לאָמפּן אין טעמפּלען פאַרלאָשן.
דער כהן בײַם עמוד שפּילט אויף זײַן פאַרבלוטיקטן טאַמבור
און ס׳טאַנצט פאַר אים די טאָכטער פון בטחון,
ווי אין הײַזלעך אַן אַלטע הור.

*

בײַ דער מיל פון צעמאָלענע באַגערן,
ווי פערד אַ בלינדער ס׳דרייט יעדער זיך
אין ראָד פאַרחתמעטן אַרום.
ווי פאַר סטראַשידלע די קראָ אין פעלד,
איין מענטש זיך פאַר אַ צווייטן שרעקט.
ווי בלעטער האַרבסטיקע אויף וועגן,
עס וואַלגערן זיך פאַרטריקנטע אַליינען.
אויגן — צוואָות אויפן ווינט.
הערצער — ווײַן־קעלערס צעפּלאַצטע מיט געוויינען.
אַ מילשטיין אויפן האַלדז, אַ האָרב
איין ברודער פאַר אַ צווייטן איז.
ווי אמת אויפן ליגן,
ס׳קוקט ליגן אויפן אמת מיט פאַרדאַכט.
שפּיגלען קרומע — אויגן פון אַ פרײַנד.

אַן עפּל פרישער צווישן פוילע אין אַ קאָרב
ווי פוילער צווישן פרישע ווערט באַטראַכט.

אויף רעלסן צעווירעטע פליִען מעת־לעתן.
כאָרכלען מיט העלדזער צעשניטענע.
לאָזן סיגנאַלן
און געפּאָך פון צעשראָקענע שוואַלבן אין בליק.

*

ווי בעטלער שלאָפלאָזע אויף פרעמדע וואָקזאַלן,
שבעה מיר זיצן נאָך זיך אַליין.
שאַרבנס געלע פון זכרון ווי פון טאָרבעס מיר ציִען,
זכרונות ווי ביינער מיר גריזשען,
זויגן מאָגערע בריסטן פון טעג,
וואָס קענען קיין זונען שוין מער נישט געבערן
און נישט פאַלן פאַר נעכט צו די פיס און פאַרגיין.
אַ רעגן־טראָפּ אין ים,
אַ מידבר־זעמדל אין טײַפון,
אַ שריפט אויף צעגייענדיקן שניי
דײַן געשריי.

ג

אָ וואַנדראַגאַר,
איך הער די טריט אין מײַן ברוסט
פון קינדער מיליאָנען מיט אויגן אויסגעברענטע.
עס כליפּען פעלדער אין מײַן אויער,
ווי עקרות יונגע,
אין די זאַנגען פון שלאָף איך שפּיר
די דופטן פון דער פּאָספּאָר־בלום.
זי וואַקסט.
זי אָרצלט זיך.
זי הויערט.
די ערד — אַ ברויט פאַרשימלטער, בלויער,
מיט ווערים אין געראָי.
ס'דאַרף שׂד נישט מער די נאַכט,
זײַנע שײַטערס מיט גיטאַרעס צעבראָכענע צינדן,
מיט גסיסות, טעפּ זײַנע זודיקע מישן.
ווי מטבעות טעג ער צעשמעלצט.
דאָס גאָלדענע פּנים פון זײַן גאָט
טיק־טאַקט, טיק־טאַקט, טיק־טאַקט —
און ס'דרייען זיך ווײַזערס געהאָרכזאַם אין ראָד.

ד

אָ וואַנדראַגאָר,
כ'האָב מײַנע נעכט ווי דימענטן שוואַרצע געשלײַפֿט,
באַרזשעס פֿון וויזיעס געפֿלאָכטן,
אויפֿן טײַך פֿון געלן זאַפֿראַן געשיקט.
מיטן האַמער פֿון מײַן האַרצן די גלוסט־בלום געשטויסן.
אין וואָלקנקראַצער־וואַלד,
בײַ די וויינענדיקע וואַנזין־ווערבעס
דאָס מילך פֿון דער סאַמולאַ־שלאַנג געזויגן.
לבנה־טרערן פֿון נעכט געשאָכטענע
אין לאָגלען געקליבן.
איבער לאַנגע קאָרידאָרן
דעם גרינעם יִאוש פֿון מײַן יוגנט געפֿירט,
נאָר מײַן קול
און מײַן פּנים
נישט פֿאַרלאָרן.
אויף מײַן גורל, ווי אויף אַ תּליה
איך הענג.
ווי אין שטײַג אַ שימפּאַנזע,
איך שפּרינג,
שטרעק די לאַפּע אויס
צום באַשפֿײַ.
צום באַשפּאָט.
אַ צאָן איך בין —
אַן אויסגעהאַקטער פֿון מײַן דור.
אַ ליכט, אַ קנויטלאָזע,
אין לײַכטער פֿון דער נאַכט זיך אויסצושמעלצן נאָר.

ה

אָ וואַנדראַגאָר,
ווי צו אָבות מײַנע אין ברענענדיקן דאָרן,
צו מיר אַצינד זיך באַוויַיז!
הויב פון זינקזאַמד דור מיך אויף
און צום טויער מיך
פון מאָרגן־מלכות ברענג.
איין גראָז
מיר פון דאָרטן
נעמען לאָז.
איין פונק
פון ליכט זײַנס מיר אַנטלײַ.
פאַר בליק איינאײנציקן
ווי ווײַב פון לוט
מיט מײַן לעבן איך באַצאָל,
(אָ וואַנדראַגאָר!)
צו מײַנע ברידער זאָגן קענען כ׳זאָל:
(אָ וואַנדראַגאָר!)
געווען כדאַי.

ו

די נאַכט אַ שוואַרצער מאַראַנץ מיט הויטן זיבעציק זיבן.
איך שייל זיי און שייל.
גיי אַרום אין זיך אַליין,
ווי אין אַ הייל.

אַ סאַפּיר־פּלאַם מיט ווערמילאַן שעוועליורן,
נאָך האַלבע נאַכט אַנטקעגן מיר זיך אַנטפּלעקט.
ווי זונען אויסגעברענטע בײַם פּאַרלעש,
העלער זיך צעצינדט. כּפֿלט זײַן געבלענד.
אַ געשטאַלט, אַ פּאָרעמלאָזע, ווי דורך פּריזמען אין געפּלייץ.
אַ ליכט־מאָזאַיִק שפּרינגענדיקער.
אַ טאַנץ פֿון שיכּורע פּאָטאַנען.
אַן אויסשפּרייטונג מיט מיריאַדן גלאָצנדיקע ליזאַרד־אויגן,
שוואַרצאַפּלען מײַנע פֿאַנגען.
ציִען. נענטער. נענטער צום מויל זײַנעם —
אַ תּהום אַ שליימיקער
מיט שטערן־ציין אין שורות צוויי,
האַלב קרײַזיק אויסגעשטעלט.
גרעסער.
שטעכיקער
די אויגן זײַנע ווערן.

*

ווער ביסטו, ווער?
דײַן נאָמען זאָג!
מיט שרעק נישט שמידן פּרווו.
ס'ווערט ווייטיק
אויך
און פּחד
אַלט.

מיט ווײ ס'איז פול מײַן קרוג.
אויב חוב, מײַן לעצטן
מאָנען קומסט,
דאַן
אויג פאַר אויג,
צאָן פאַר צאָן,
ווי מײַנע אָבות,
איך מאָן!

*

אַ קול,
ווי פון אַ פאַסטעך־פײַפל, טויזיק, מילד,
וואָס רופט די טשערעדעס אין טאָל,
אַ קול.
אַקאָרדן מיט לאַנגע וואָלענע פינגער,
ווי קרוג צעשפּליטערטן מיך שטעלט צונויף
מיך גלעט,
מיך צערטלט —
די אַנגסטן צעשמעלצט:

„קום, מענטשן־קינד,
כ'וועל ברענגען דיך אַהין,
וווּ צײַט אירע ספּעקטרום־געמעלן
אויף טורעם־עטאַזשן אֵין־סוֹפיקע,
העכער און העכער זי שפּינט,
דאָרט וווּ די זאַלצן פון דורות,
ווי טײַכן צום ים,
צו פאָרטן פון נײַע געבורטן זיך יאָגן".

ז

מיט ווינטן־שורש,
דורך שוים־וועלן וויַסע מיר פליִען.
וואָלקן־פיש אין גרינע נעצן.
נעפל־פלעקן.
מחנות בליץ־פייגל אין געדראַנג.
אויגן מיליאַסן.
צינדן זיך.
לעשן.
ווי ס'וואָלטן שטערן פאַרן פאַרגאַנג
פיַיער־קינדער געבערן.
אַ מעטעאָרן־רעגן.
מאַגנאָליע — פעטאַלן מאַגנעטישע
וויקלען זיך איינער פון צווייטן אַרויס.
נאַכט־פעלדער ענדלאָזע מיט יאַגדעס שוואַרצע פאַרזייט.
לאַווע־טיַיכן קריכנדיקע
מיט לבנות צעקנייטשטע,
מילך־וועגן קאָכיקע.
בינען — קאָנסטעלאַציעס וויגנדיקע.
ליכט־שפיזן אויף הויכע חושכדיקע וועגט מיט רויגן פון נעכט.
וואולקאַנען פון זונען צעפלאַצטע
מיט איַיזגלעטשערס אין געפעכט.

ח

אַ באַגין,
ווי אַ בלויע באַן, סיגנאַלן אין רוימען צעשיקט.
פליט פון וואָלקן־וואַלד אַרויס
און ווערט אויף ס'ניי אין אים פאַרפאַלן.
די זון — אַ פאַקיר,
קופּערנע קינזשאַלן
אין האַרץ פון וועלט־קײַלעך צילט,
און פאַקלען ברענענדיקע שלינגט.
אַ שטראָם־געווירבל, צישענדיק,
פּאַטאַנען פון הימלישן פּיבער
צו די זאָמען פון ערדישער טראַכט
אין זעק אין זילבערנע שלעפּט
און קען נישט די גרענעץ פון ביידן אַריבער.
אין שנורן־געפלעכט פון פלאַטערדיקע גראַוויאַנען,
מיט בענקשאַפט ניגונים פון מזלות איינזאַמע,
וואָס איינער צום צווייטן
כסדר זיך ציט,
געפאַנגען מיר ווערן
און דרייען פאַרכּישופט זיך מיט.

ט

אַ לאַזער־געשטריק ווי אַ שירעם
זיך עפנט איבער מיר.
זון פֿאַרשטעלט.
פֿליגל פֿאַרבינדט.
און לאָזט מיך לאַנגזאַם אַראָפּ.

די ערד — אַ רונדער יום־טוב.
אַ צעמיניעטער פֿאַרבן־געפֿאַל.
קלאַנגען־כוואַליעס צעקעמטע.
סמבטיונס צעקאָרקטע אין געהאָפּ.
טײַכן ווי כּלה־שלייערס אויף ווינט־ווענטקעס געפֿאַנגענע.
ווו אויג נאָר גרייכט,
גערטנער און סעדער און גערטנער אויף ס'נײַ.
די ערד די גאַנצע
מיט ביימער, מיט בלומען, מיט בלױונג באַדעקט.

די שטעט, די אַלטע ווו זײַנען?
די שפּײַ־קעסטלעך גרויע מיט אײַטער פֿאַרקילטן?
די סאָלפּאַ־העלדזער מיט רויכן געלבלעך גרינע?
די שפּין־געוועבן בלײַענע מיט געברום פֿאַרשלאָסענעם?
די מילוועלדער שטאָלענע, ווו זײַנען?
וואָס בינדן, דרעשן, מאָלן די גוף־זאַנגען גאָלדענע
און גרייטן דור־אײַן און דור־אויס
דאָס ברויט פֿאַר דער ערד?
די ברוינע, ראָסטיקע ציין פֿון מולך ווו זײַנען?
וואָס קײַען, שניצן, שמעלצן און גיסן דעם מענטשלעכן
צאַפּל צונויף?

קרעץ די שטיינערנע ווער האָט
פֿון מײַן פּלאַנעט אַראָפּגעשאַרט,
די וווּנדן פֿאַרהיילט
און די יוגנט צוריק אומגעקערט?

י

„גיי, דו מענטשן־קינד,
צום זילבער־גלאָק פון מאָרגן־יאָר,
צום ברעג, דעם צווייטן פון דײַן צײַט,
ווו דורשטיק אויג
דעם מרחק־קרײַז
נישט געקענט עס האָט דערגרייכן.
אַהין — ווו נביאס אויער
פון נעכטן־יאָר
וויבריר דעם ערשטן האָט
אויף טראָגעדיקן בויך פון צײַט דערהערט.
דאָרט ווו דער קרישטאָל פון טויזנט פײַנען
די פונקען פאַרלאָשענע
פון יאָרן מיליאַסן צעצינדט.
דײַן זיגזאַג־טראָט גלײַך אויס,
גיי.
הער
און זע.
ברענג דײַן ניגון זיי
נאָר
נישט די קללה פון דײַן דור".

יא

ווי דורך ווײַסע נעכט, אַ שלאָפגייער,
פון לבנה־הענט געצויגן און געפירט,
איך וואַנדער אויף ווייכע, וואָלענע וועגן.
בערעזעס אין שאָפענע פעלצן,
פּאַלמעס מיט נאַקעטע בײַכער,
פירות מיט טויזיקן זילבער פון צפון,
מיט גאָלדענע פוכן פון דרום
זײַט בײַ זײַט
אין גערטנער, אין סעדער זיך וויגן.
קינדער אַ מחנה,
שטעלן ווי אותיות אין שורות זיך אויס
מיט הענטלעך ווי פליגל צעשפּרייטע,
און ווערן אין וואָלקנס פאַרלאָרן.
קיזלשטיין־פעלדזן ווי טורעמס
פון צײַט געשליפן און געפורעמט.
וועגט מיט געמעלן, לידער, ווי לייטערס
אויף אַקסלען פון יאָרן.

זיבן זילבערנע קוואַלן מיט געלעכטערס יונגע
שפּרינגען דבקותדיק פון שטיינערנע מײַלער אַרויס.
גינגאָלד־גײַזערס. שפּרודל־שטראָמען. וואַסערראָדראָמען.
אַ קאַסקאַדן־אָרקעסטער מיט פעלדזן־פידלען
אַלע באַרגישע העלזיזער צעעפנט
אַלע כלי־זמרים פון שלאָף אויפגעוועקט
און ניגונים נײַ־געבאָרענע — שפּילט.

יב

די זון אַ הירש מיט הערנער אָנגעצונדענע
שפּרינגט פון נעפּל־וואַלד אַרויס,
מעסט מיט בליקן פּאָרכטיקע דעם אוניווערס
און טאָג דעם נײַעם אין פײַער פאַרשרײַבט.
אויף פעלדזן־קעפּ הויכע,
אין שטאָל־שיסלען טיפע —
וואָלקן־פּאַסטעכער די רוימען באַהערשן.
מיט פינגער אומזעבאַרע,
ווי טשערעדעס שאָף
די וואָלקנס זיי זאַמלען צונויף
און פירן
צו טײַכן אַוועק.

ערגעץ מעלקט מען וואָלקנס
און ס׳פאַלן זילבערנע שטאַנגען.
ערגעץ צאַפּלען ציטרעס
און קאָרן־בלומען בלויע
דעם הימל באַדעקן.

יג

מעטאַלענע ריזן מיט גרין־בלויע אָטעמס צינדן זיך, לעשן.
נ ו אויגן־פענצטערלעך ווי אורים ותומים,
מיט ראַדאַר־טשופּרינעס געדיכטע,
ווי בעלי־חיים בויגעוודיקע די גלידער באַוועגן.
ווי רעפּטיליעס פליִענדיקע זיי הויבן זיך אויף.
ווי שאָטנס שטילע זיי שוועבן אַרום אויף דער ערד.
אַקערן. זייען. שנײַדן. זעגן, וועבן. הובלען, שמידן, שניצן
און זאַמלען די שפע צונויף.
ברענגען דאָס ברויט צו יעטווידער שוועל.
שטייען ווי דינער בײַ טירן
און וואַרטן אויף מענטשנס באַפעל.

פאַר טאָג, צו די לאַנגע טונעלן זיי גייען.
צום טיטאַן, מיט צען מאָל צען מיליאָן נערוו־צעלן אין מוח.
אַלע סודות מיט זײַן שם המפורש ער דעשיפרירט.
לויט פאָרעם און פאַרב יעדן איינעם ער דערקענט.
מיט זײַן קאָפּ די עלעקטראַנאָטן ער סטעמפּלט,
סודעט אין אויער די שליחות פון טאָג זיי אַרײַן
און דרייט ווי זייגערס זיי אָן.
דער טיטאַן — אַ מלך און אַ שקלאַף.
ס'האָט מענטש זײַן געשטאַלט,
זײַן זכּרון,
די גבורה געכּפּלטע
און חכמה פון טויזנטער יאָרן
געשענקט אים,
די יאָכן, די קייטן צו טראָגן.

יד

זונאָלין —

אַ שטאָט אויף רונדע עסטראַדעס,
פון שטראַליקן קרישטאָל,
ווי אַ פּאָרט פאַראַנקערט אין רוים.
מיט טורמאַלין־טורעמס צום הימל פאַרבונדן.
הײַזער ווי שיפן מיט זעגלען צעשפּרייטע.
די זון — אַ קאַפּיטאַן אויף דעק, די ספערן מעסט,
און דרינגט ווי נוטרינע דורך ווענט אין יעדן הויז אַרײַן.
ספעראָבוסן. עראָשטיגן. שירעמס אַנטיגראַוויטאַציש.
מחנות הין און צ'ריק צו דער רוים־שטאָט פאָרן.
דער מענטש, אויפן שטראָם פון פאַרהיימישטע ווינטן,
ווי אויף פערד געהאָרכזאַמע רײַט.

איז עס אַ שאָטן, אַ מיראַזש נאָר?
האָט אַ וועלט אַ פאַרלאָרענע איר פּנים
אין צײַט־ים געלאָזט?
האָט די ערד פון איר מאַגמאַ די קערנער פון זכרון
אויף פעלדער סטראַטאָספערישע פאַרזייט?

אַ שטאָט אין מיטן אוניווערס —
פון אַלע שטעט — קעניגן געקרוינט,
פון ליבשאַפט צו רוימען די טאָכטער,
זונאָלין, פון חלום נעכטיקן — די וואָר.

טו

רוים־גערטנער — מאָזאַיִק געמעלן,
גאַרטלען די שטאָט ווי סאַטורן־רינגען אַרום.
גליִען ווי שטערן־פּלעיאַדעס
מיט לבנות פּילפּאַרביקע דורך נעכט,
מיניען זיך ווי רעגנבויגנס אין פּאַרטאָגן.
דופטיקע פּעטאַלן,
פון סעדער ספּערישע,
פון הימל צו דער ערד
ווי זומער רעגנס דריבנע
טריפן.

בייטן בלוי און געל און גרין און ברוין,
אין ליכט־קאַנאַלן בלענדיקע.
ביימער מעטאַמאָרפאָזישע, מיט וואָרצלען נאַקעטע,
ווי הערצער פּאַלפּיטירן.

קאָרן־וועלדער מיט זאַנגען טויזנטקעפּיקע,
קערנער ווי קאָקאָ־ניס ברוינע.
גערטנער מיט זאָטן פּאַר חכמה, גבורה און ניגון.
זאָטן די חושים צו כּפלען, געפילן צו נערן.
זאָטן פּאַר פרייד און התלהבות, פּאַר דויער און ליבע.
פעלדער מיט געווירצן און קרײַטעכצער —
ווי אַפּטייקן מיט סודות אָין־סוֹפיקע
אַלע מחלות פון לעבן צו היילן.

טז

אין בײַכער פון בערג, אין בלײַענע טעפּ,
אויף די הערצער צעפּלאַצטע פון אוראַנום פּראָטאָנען,
אין פיבער הייסן פון זייער צעשייד,
קינדער פון יצירה זיך פּאָרן,
זונען געבערן.
אויף רינגען מאַגנעטישע,
גאָלדענע שלאַנגען
מיט בלוילעך ראָזעווע פלעקן,
שפּרינגען.

אין קעסלען הערמעטישע
דאָס האַרץ פון זונען געפּאַנגענע שלאָגט.
דעם טויער פון סעזאָנען זי עפנט.
דעם דורשט פון מידבר זי שטילט.
די פליגל פון שטורעמס זי בינדט,
און דרייט אַלע רעדער פון לעבן.

יז

אַ לאַנגער ליכט־טונעל אין בויך פון ים,
אַ שפּיז מאַגנעטישער,
אַ וועג צו טיפן זײַנע שנײַדט.
ווענט מעכאַנישע כוואַליעס צערוקן,
צו די שוואַרצע אַלגן־וועלדער
די זון ווי אַ בוהײַ געפאַנגענעם זיי פירן.
בראָנדזענע ווײַנטרויבן — זאַפּטיקע זאָמען.
ווײַסע וואַסער־ווילעס — יוגנט־וויגן.
שליימיקע שפּרודלס. קדמון־שוואָמען.
בריאה־געוועבן אויף מאָכיקע דנאָען.
געווירצן געזאַלצענע מיט סודות פון לעבן.
ים זײַן טראַכט צעעפנט.
דעם חשבון ערדישן פאַרמעקט.
דעם שאָטן צעקאָרטשעטן פון לײַבער טוט אויס
און קערט דעם מענטש זײַן יוגנט אום צוריק.

יח

סקווערן. אַלייען
מיט איידלשטיינער ברוקירט.
אַ וואַלד מיט בילדער, פּרעסקאָס,
ווי ביימער מיט בלעטער באַוואָקסן.
זאַלן דאַכלאָזע מיט ווענט פון צווייַגן־געפלעכט.
טעאַטערס. ספּאָרט־סטאַדיאָנען. באַסיינען.
עקראַנען. מוזייען. גאַלערייען.
בילדער זשיגאַנישע.
יעדעס בילד — אַ קאָמפּיוטאָר מיט פּאָרטרעטן.
ביבליאָטעקן, ווי שאַכטלעך פון שוועבעלעך די גרייס.
אַ נאָדעלע דינס,
די זאָמען פון וועלטן פאַרגאַנגענע,
פון צייַט און שטח אייַנגעפּרעסטע
ווי אַ ניגון, זי טראָגט.

יט

מחנות. אַ פאַרבן־געמעל. אַ פעלקער געמיש.
אַ פלאַנעטן־פעסטיוואַל.
אַ וועלטן־וועלט.
ווי פאַרליבטע אין ווײַן־גערטנער זיי גייען.
ווי קווייטן צו דער זון,
איינער צום צווייטן זיך ציט.
דיאַלאָגן.
פרילינג — וואַסערן פון געלעכטערס,
פון געזאַנג. פון געשפּיל. פון געטאַנץ.
אויגן —
בליץ־ליכט.
מענטשן —
פירות צײַטיקע פון טויען געוואַשן.
מענטשן —
קינדער מיט געטער אויף די קני.

אַ רגע און צוויי,
און אַ האַנט אויף מײַן אַקסל
איבער סקווערן מיך פירט.
אַ קול —
אַ סאָד־געפליסטער אין זומער פאַרטאָגן.
בליקן — יונגע שוואַלבן,
און איך — זייער נעסט.

מאַטאַדאָן!
ס'איז פרעמד מיר דײַן שפּראַך,
נאָר אַלץ איך פאַרשטיי.
דער שורש פון שפּראַכן פון אַלע אין איר.
מאַטאַדאָן!
מיר דוכט זיך אין חלום אַמאָל,

געזען כ׳האָב דײַן פּנים,
געהערט כ׳האָב דײַן קול.
מיט ניגון דעם זעלבן,
מײַן מאַמע אין וואַנדער,
פלעגט מיט ווינטן אין פאַרטעך מיך וויגן.

כ

„פון נעכטן־מענטש אַזוי ווײַט שוין, דאַכט זיך אָפּגעפּאָרן,
און מיט אַ מאָל ווי פּראָטאָן־שטויב פון זונען פאַרלאָשענע,
ער פאַלט אין שויב פון הײַנט אַרײַן.
אַלץ וואָס גרינט און בליט, וועלק־ווײַן ווערט
אין בעכער פון דער ערד,
נאָר דער זאָט פון זכּרון,
ער ווערט נישט פאַרלאָרן.
פון קנוילן פאַרהילטע,
פון שיכטן באַוואָקסענע שווערע
אויף ס'נײַ ער קריכט אַרויס,
און שיינקייט־ציר פון יאָרן געשטריקט —
צעפליקט.

דער יאָדער פון זכּרון
בײַם שוועל פון דור אַ יעטווידן הויערט.
אַ גײַסט אַ שוואַכן זוכט,
זײַן גוף צו לײַען.
ווי אַ נשמה, וואָס בלאָנדזשעט נע־ונד,
וואַנדערט יעדער דור
און זײַן צעלן־סוד ווי קמיע געהיימע ער טראָגט.

אויף פעלדזן־שפּיצן פון צײַט
מיר שטייען, דאַכט זיך, שוין,
נאָר נעכטנס הויבן ווי וואַסערן זיך אויף
און פאַלן צוריק אין טײַכן אַרײַן.

זונען מיר האָבן אין גערטנער פאַרזייט,
די העמלאַק געוויקסן אויסגעפּיעלעט און פאַרברענט,
נאָר פון דער ערד עס וואַקסן אַלץ נאָך אַרויס
ליידי מאַקבעטס פאַרבלוטיקטע הענט".

כא

אַ זאַל מיט פרעסקאָס פּאַרביקע.
פון בוים־געפלעכט, אַ ליכט אַ צערטלדיקע גרינע פליסט.
אַ שטילקייט האָריקע אויף לײַבער וואַקסט.
אויף אַגאַטן־שטול, ווי אויף אַ טראָן,
אין טאָגע ווײַסער —
אַ יונגער מאַן ווי צו יום־טוב אָנגעטאָן.
פראָסט אין אויג. שלאָס אויף מויל.
מיט פרעמדן בליק,
ער וואַנדערט הין און צ׳ריק.
נאָר זיי, אַלט און יונג אין קרײַז אַרום
ווי שולדיקע די קעפּ פאַר אים מען בויגט.
קין.
און הענט זײַנע דערשראָקענע מען גלעט.
דאָס האַרץ פאַרגליווערטע
מיט ליבע־שטראָם מען זאַלבט.
מיט צערטלעך וואָרט דעם קראַנקן ווינט אין בלוט
מען היילט.
די שולד ווי פוילע צווײַג מען רײַסט פון אים אַראָפּ
און שטראָף
גלײַך אויף גלײַך מען טיילט.

*

„זון מײַנער,
ווו ביסטו קליינער יינגל פון מײַן שויס?
זײַט ביי זײַט די יאָרן מיר האָבן געשיילט.
די פראַכט־שיף צו פּאָרטן נײַע געפירט.
ווי אורמענטש רענדלעך, נצחונות געציילט.
סודות ווי מושלען געעפנט.
צו מזלות ווײַטע דערגרייכט,
נאָר דעם וועג צום פלאַנעט דעם נאָענטסטן,
נישט געפונען.

האַרץ פון ליבע־טוי פאַרצערט,
אַ גאָרטן, אַ פאַרלאָזטער
פאַר ווילדוווקס און פאַר גיפט־שפּראָץ ווערט.
דײַן ברודערס מום, ס׳האָט פאַר קנעכט טאַטע־מאַמע געמאַכט,
און דיך מײַן זון פאַרמידברט און באַרויבט.
ס׳ווערט קינד מיט קאַרגשאַפט סטעמפּל פון נאַטור
דאָך מער געצערטלט און געלויבט.
ס׳האָט אורמענטש־פײַל אין דיר געצילט
נאָר אין האַרץ אַ יעטווידן געטראָפן.
איז זאָל נישט זיג צוויי מאָל קרוינען אים
און מיט שׂינאה אַלעמען באַשטראָפן.
ווי פערד, אַ בלינדן
אײַנגעשפּאַנט מיר האָבן די נאַטור,
אויף איר האַלדז אַ ליכט־גלאָק אָנגעטאָן.
די קראָפּעווע געפּיעלעט, פון איר נישט בלײַבן זאָל קיין שפּור.
איבער זיך אַליין ס׳גייט מענטש פון דור צו דור אַריבער,
און קוקט דורך אויגן קינדס אויף ס׳נײַ אַרויס,
אין זיי צו בלזען ווידער,
געלע בלאַט דער אַכזר־צײַט צו לאָזן בלויז;
אונדזער דור ס׳איז מיט זיגן און פאַרמעסטן רײַך.
ווי פון נצחון דעם באַלוין, אויך צער אַצינד
מיר טיילן גלײַך אויף גלײַך״.

*

אַ מיידל ווי פּרימוס־בלום אויף שניי.
אין מירטן־אויג אַ טראָפן טוי.
מיט סאַרנע־בליק איבער פּנימער זי וואַנדערט.
„זײַ מוחל, ליבער, זײַ מוחל מיר.
נישט דײַנע ס׳איז די שולד.
איז שולדיק שטאַם, ווען פאַלנדיק

אַ בוים אַ צווייטן ער צעשטערט?
איז שולדיק ווײַן,
ווען ס'פּאַלט אַ שפּין אין כּוס אַרײַן?
האָסט דײַן שליסל מיר פאַרטרויט,
און איך האָב אויף ווינט אים אויפגעהאַנגען.
דער זעלבער קוואַל, דאָס זעלבע ברויט,
ס'האָט אונדז גענערט,
און ווי טאָג און נאַכט
אויסגעפורעמטביידן.
ווי דו דעם טוגנט־ווײַן,
דעם שוואַרצן האָניק כ'דאַרף.
דאָס אויג פאַרזשמורעטע פון נאַכט מיר לאָקט.
פון אַלע ווײַנען — דער שוים,
פון אַלע ביימער דער אויסגעפליקטער בוים,
ווען הפקרדיק אים שטורעם טראָגט.
ווי בלינדער שׂרפה, די חשכות דורכצושטעכן,
דײַן גנאָד איך דאַרף.
פאַרגיב, מײַן ליבער, פאַרגיב אַצינד
דײַן פאַרבּרעך —
די שוואַרצע מילך
פון מײַנע זינד".

*

אַ בלייכע, בלאָנדע דראַטיקע געשטאַלט
מיט ליכט־סיגנאַל אין בליק
די שטילקייט מיט אַ מאָל צעשערט:
„מאָרד מיט מאָרד ס'האָט נעכטן־מענטש געפּאָרט.
פון בוים שאָטן אָפּגעהאַקט.
פון טויטן האָלץ אַ גאָט געמאַכט,
ווי פּאַר שפּיגל,
צו קענען פּאַר אים קניִען.

נאָר מיר אין לאַנגוויַיל־מידבר,
שטאַרבנדיק מיר לעבן,
און לעבנדיק מיר שטאַרבן.
ס'איז נימאס מיר דער בוימל־זאַלב,
פון האָניק־רויז דער טויט.
דער בליץ,
דער דונער
ווּ איז?
דער פינקל פון געפּאַר,
פון אומרו די פּיַיל,
די שפּאַנונג און דער אייפער,
אַז גליִען זאָל דער טראָט
און ברענען זאָל די יוגנט
ווי אַ שׂרפה!

אויב לעבן מיינט צו שטאַרבן לאַנג,
עפן איך אַליין צום ראַנד מיַין טיר און זאָג:
קום,
נעם וואָס דיר געהערט,
נאָר פריִער בלוט מיַינס זאָל
מיט תענוגים אַלע זיַין גענערט.
ס'איז נאַכט פון טאָג דער קנויט,
און זינד, פון לעבן —
דער שוחט און די שאָף,
די רוֹ און דער געשפּאַן,
די מוטער און דאָס קינד".

כב

„װעלק־װערטער",
מאַטאַדאָן אין אויער מיר רוימט איַין.
„אַ שריַיבער פון װילד־מענטש — צײַט,
פון טרוימען אַלע נעכטיקע,
ריַיכער אונדזער װאָר איז.
די ערד — אַ װאָקזאַל מיט רעלסן צו שטערן און פּלאַנעטן.
די פּיס פון גאַלאַקסן װיַיטע מיר בינדן,
פון בלאָע, געבאָרענע זונען,
די הייבאַמס מיר זײַנען.
דעם יאָדער פון חלום
מיר האָבן געשפּאָלטן
און מיט זיי די חשכות מיר צינדן.
אין אָקסן־אויג פון צײַט מיר האָבן געצילט
און אין האַרץ פון אומענדלעכקייט געטראָפן.
װער דעם װײַן — פון זין־פּרוכט,
דאָס ברויט פון ליבע,
איין מאָל ס'האָט פאַרזוכט,
נישט בענקען
נאָך פּײַן־טרויבן װעט מער".

כג

„דײַן לערער,
דורות דרײַ, דעם נר התּמיד פֿון פֿאַרשטאַנד
אָנצינדן געווען באַשערט.
מיט יעדן קינד,
בײַ קאַרגער צײַט,
יוגנט צווייטע אויסנאַרן געוואָלט.
דאָרט ווו נישט געקענט אַליין,
מיט זייער טראָט פּרובירט דערגיין.
געמיינט ס'איז גאַנץ מײַן גאָב.
נאָר איצט ווען ווײַסע האָר
ס'טוט אָן מײַן קאָפּ,
איך זע ווי ווײַט
דער חלום איז פֿון וואָר.

אַלע בלומען אין מײַן גאָרטן כ'האָב פֿאַרזייט,
נאָר די בלום אין אייגן האַרץ
ס'האָט נישט געבליט.
אַ לערער מיר באַשערט זײַן.
ווער עס ווייסט נישט פֿון קיין צוויט,
אים אַ גערטנער זאָל פֿאַרווערט זײַן.
פֿאַרגעבונג דיר אַצינד איך בעט,
אַ שולדיקער פֿאַר דיר איך שטיי,
ס'איז דאָך דײַן חטא —
די פֿוילע פּרוכט פֿון מײַן פֿאַרזיי".

כד

אויף פעלדזן־קאָפּ — די צײַטמאָגראַף,
ווי האַלבע לבנה,
אין קרײַז געבויגענעם זיך וויגט.
אויף דנאָ — אַן אויג מיט רעטינעס זילבערנע זיבן,
דאָס לײַב, דאָס ערדישע נישטערט,
טאַפּט
און שווימט
אין אָזערע, טויטער פון צײַט.
זאַמלט יעדן סליאַד און שאָטן
פון דורות פאַרשוווּנדענע צונויף.
אין אויער געהיימען פון רוים
זי דרינגט אַרײַן
און ציט יעדן קלאַנג,
ווי פּערל פון מושל אַרויס.
פון שטעט געשטאָרבענע,
זי ווישט דעם שטויב, דעם טויטן אַראָפּ
און טראָגט דאָס לעבן פון קברים אַרויס.
נישט אויף קבר־אָבות,
נאָר צו גאַסט
אַ דור
גייט
צו אַ דור,
די פּנימער פון ליבסטע
צו צערטלען אויף ס'נײַ.

כה

יונגוואַרג אַ מחנה,
ווי סקעלעטן אַנטקעגן ים. —
קינדער פון רײַן.
אַ מעלאַנכאָליע פעסט,
ס'האָט אין הערצער זייערע זיך אויסגעבויט אַ נעסט.
די צײַטמאָגראַף צום צוואַנציקסטן יאָרהונדערט זיי
צוריק ס'האָט אומגעקערט.
דעם יאָמער מיליאָניקן
זיי האָבן דערהערט.
פעלקער פון גריבער זײַנען אַרויס.
ווײַס פון בלוט געוואָרן איז דער טאָג.
רויט פון טויטן־מאַרך — די נאַכט.

אַ מיידל, ווי אַ זאַנג,
קוקט מיט אויגן צוויי צעשראָקענע מיך אָן:
„ס'איז זי! ס'איז זי!
די ייִדישקע פון נעכטן־יאָר.
מיט שאָטנס,
באַוואָקסן ז'איז געדיכט.
געלעכטערס טויטע,
טרערן, ווי האָגל
זי טראָגט אויף איר געזיכט".
„פאַרגיב, פאַרגיב אונדז, שוועסטערל,
פאַר ייִדע־זינד!"
אַ מעדאַליאָן מיט אותיות ייִדישע
זי ציט פון האַלדז אַראָפּ.
אַ קדושה־רינגל גאָלדענעם
אַ צווייטע וואַרפט מיר צו די פיס:
„זיי ברענען.
זיי וויינען.

זיי גייען אויף לײַבער אונדזערע אַרום.
נעם,
דעם פלאַם פאַרלעש,
שטיל דעם יאָמער איַין!"
לײַכטער.
בעכער.
אוירינגלעד און רינגען.
בראָשן און בראַסלעטן.
פאַלן.
פאַלן.
פאַלן.
אַ רעגן פון אַנטיקן.
וואַקסן.
וואַרגן.
דריקן.
אַ געוויסן־פּיראַמיד —
און איך אין דער מיט.

כו

מאַטאַדאָן,
ס'איז אָפּפלוס צײַט.
ס'רוקט פון ברעג דער ים פון זײַן זיך גיך אַוועק
איידער לעצטע שוואַלב פון חלום־נעסט פאַרשווינדט,
צו מאָרגן־מענטש מיך פיר!
זײַן ליכט איך דאַרף,
די חשכות פון נאַכט דער לאַנגער בלינד
דורכצושטעכן.
מיט פרילינג־זאָט
די האַרבסט־טראַכט פאַרטריקנטע צו נערן.
אַ שמעטערלינג אין קריך־סעזאָן
אַ וואָרעם איז —
און קריכנדיק דעם סוד
פון פלי̇ען ווייסט.
מיט אַ מאָל די פליגל ער טוט אָן,
אַ הויב זיך פון דער ערד
און דרייסט
צו די הימלען פליט,
איז דעם מענטש אָרעמער
פון וואָרעם,
זײַן באַשערט?
מאַטאַדאָן,
עס טריפט די לעצטע טראָפּ
אויף מיר פון צײַט־האַרס גנאָד.
עס טרינקט זיך חלום אין טײַך פון וואָר.
איך שפיר דעם טראָט.
איך הער דאָס קול.
עס רופט מיך וואַנדראַגאָר.

„דעם מאָרגן־מענטש אין זיך
ס'טראָגט יעדער איינער,
ווי מידבר אין טיפן זײַנע,
דעם קוואַל, דעם ריינעם.
ווי קלעטער־פלאַנץ דעם שטאַם פון בוים,
צײַט בײַם מענטש געשטאַלט אַנטלײַט,
איר זשאַוווער־קלייד צו טראָגן.
דער פעלדז אין שטײַג זײַן פינצטערן
דעם שטראָם פאַרשפאַרט,
ביז די גראַטעס ער צעבײַסט,
און שפרינגט פון בויך דעם שטיינערנעם אַרויס.
ס'איז קורץ דער וועג,
נאָר לאַנג
און שווער דער גאַנג.
אין פײַער־טראַכט פון זון,
אַ פאַרסעק יאָר,
אַ ליכט־שטראַל צום אויבערפלאַך זיך שאַרט
און קריכט
און ציט,
נאָר ווען פון דאָרט אַרויס
סעקונדן צוויי
דעם וועג, דעם זעלביקן ער פליט.

אויך מענטש
לאַנגזאַם זיך פון היילן שלעפט.
ביין מיט ביין, ווי שטיין מיט שטיין
ער רײַבט,
שניצט
און שלײַפט
ביז פנים אייגנס ער געפינט".

מאַטאַדאָן אויג דאָס מאַגישע פון צײַטמאָגראַף
איבער ערד־קויל פירט :
„זע נאָר, זע, וועלט די נעכטיקע,
פון קדמון האָריקן ביז ברידער פון דײַן דור.
פון די קאַראַקאַראַם בערג ביז די וועלדער פון מאַנסון,
פון פראָסטאויג אַרקטישן ביז סובאַוואַ און טימאָר,
רויט דאָס גראָז געשפּראָצט האָט פון דער ערד".

עס וואַנדערט דאָס אויג
איבער שטאָקן און שטיגן
צוריק,
צוריק
צו די קעלערס פון צײַט.

כז

„זע דעם בלויען פּאָרט,
די שיפן
וואָס שאַרן ווי שאַקאַלן זיך אַרויס פון דאָרט.
הער פון קאָנגאָ דאָס געוויין.
אַ שטומער־צונג — דער טײַך.
ווי מאַמע ווען איר קינד מען רײַסט פון הענט אַרויס, זי ברומט.
רויטע שלונדן.
הייסער ווענע־ווײַן.
ווײַסע הענט —
הפקר־בליצן.
ועסליע־פּליעסק.
קייטן־קלאַנג.
טאַם־טאַם־פּויק.
זין און טעכטער
ווי שוואַרצן גאָלד געגנבעטן
זיי פירן צו די מערק,
צום געהובל.
צום געיעג.
צום געקרייץ״.

*

„זע
די אָבות דײַנע אין אורמענטש טראַכט,
— די פּרימאַטן,
די זינזשאַנטראָפּן פון שבטים האָמאָנידישע
וואָס האָבן פּאַלעטן
פון שטיינער
און געצײַג
פון היפּאָפּאָטאַם־ציין שוין געשלײַפט.
זע די אורזיידעס דײַנע,

די קעניאַ־פּיטעקן,
וואָס שפּרינגען ווי בליצן שאַרפע
פון שטיין צו שטיין
אויף אַלע פיר.
אויף סקאַלעס נאַקעטע ווי פאַרמעטן פאַרשריבענע
זיי זיצן,
לויזן זיך.
קראַצן אײנאַנדער.
קנאַקן ברודער־ביינער.
וואַרפן שטיינער
אין די שפּיגלען פון טײַכן אַרײַן
מיט שרעק פאַר זיך אַליין".

*

,,און דאָרט — דײַן פײַער־דור.
געלע פאָספאָר־הימלען.
לאַווע־טײַכן אין געדריי.
שטעט ווי מאָן־פּעטאַלן אין ווינטיקן געפלי.
פײַער־נעצן אין געהויד.
די וועלט — אַ געשוואָלענער שוואָם.
וועלדער — מצבות פון רויכן פאַרקילטע.
פעלדער — ביינער אין בלי
און דאָרט — אַן אָזערע,
אַ פּויסט, דאַכט זיך די גרייס,
נאָר טאָג און נאַכט,
אַ ים אַ רויטער פון איר שפּאַרט אַרויס —
אַ מויל געעפנט האָט די ערד
און מיט געביין מיליאָניקן
זי ברעכט.
בײַ נאַכט אַלע אויגן פאַרצויגענע
זי עפנט

און ווי שטערן צעצינדט.
פאַר טאָג די זון אויפן הימל זי פאַנגט
און מיט שטריק פֿײַערדיקע בינדט.
אַן אָזערע אַ קלײנע,
מיט װענט פֿון צײן אַרומגעצאַמט,
און אויף זײ
די סיטרא אחרא
דעם שם המפֿורש פֿון געבורטן ברענט".

*

„זע דאָס ליכט, װאָס זינקענדיק זיך צינדט.
אײן פֿונק —
אַ מוטער אין געבורט.
אײן קערן —
דער סוד פֿון זײַן און װערן;
דער טאָג — די װײַסע בלום פֿון צײַט,
מיט װאָרצל שװאַרצן פֿון דער נאַכט זיך נערט.
אין װעלק־סעזאָן די גרינע בלאַט
אַ װעלקונג־קלײד אויף זיך טוט אָן
מיט װינטן צו טאַנצן אויף זײַן לעצטקײט מאַסקאַראַד.

יעדער שטײן אַלע מײַסטערװערק אין זיך באַהאַלט
און װאַרט ביז קינסטלער־האַנט
די פֿאַנצערס אָנגעװאָקסענע צעשפּאַלט
און זײ פֿון פֿינצטערניש באַפֿרײַט.
נאָר מענטש —
דער סקולפּטאָר און דער שטײן
זײַן ער מוז אַלײן.

אונדזער דור
די פֿעלדער פֿון שׂכל האָט צעאַקערט.

דעם סוד פון גאונות צעשלאָסן.
מענטש איינאיינציקער —
פאַר מענטשהייט ווערט באַטראַכט.
איין האַרץ
אַ היימלאַנד פאַרן צווייטן איז
מיט ליבע
באַוואָקסן און באַוווינט".

כח

אָ, וואַנדראַגאָר,
קער אום צוריק מיך
צו די זינקזאַמד גייער
פון מײַן דור,
מיט חלומות צעפּיקטע פון קאָרשונעס,
וואָס טראָגן ווי קאַסטנס פּירקאַנטיקע
די טעג
און זוכן אין לאַנגע פינצטערע לאַבירינטן
די געגנבעטע זונען.

אָ, וואַנדראַגאָר,
גיב מיר כוח
אויף ברענענדיקן שליאַך צו קענען גיין,
אַ האַרץ מיר גיב
וואָס רעדט ווי רעגן
צו דער ערד,
די חכמה פון אַ בוים מיר גיב,
צו וויסן צײַט פון וועלקן
און פון בלי.
ווי דער שוואַלב וואָס קומט צו שפּעט.
ווי דעם קנאָספּ, וואָס בלומט צו פרי.

אָ, וואַנדראַגאָר,
גיב מיר כוח
נאָך יעדן פאַלן
זיך אויפצוהייבן ווידער.
פון זיידן — אָ דער נעכטן
דאָס אויג מיר לײַ,

פון מוטער — אָ, דער הײַנט,
די האָפֿענונג, אַז געראָטן זײַן
עס וועט איר קינד —
אָ, מאָרגן!

ב

ליד

ניִשט אין יאָלקע אויסגעפּוצטער
זײַן זאָלסטו געראָטן,
מיט ווערטער, ווי מיט לעמפּלעך
באַלויכטן און באַצירט,
מיט גאָלד און זילבער־שטויב
באַשטערנט און באַשאָטן.

דו מײַן ליד,
אין מידבר־בוים זײַן דו זאָלסט געראָטן,
ניִשט קיין בלעטער־קרוין אַ גרינע,
און ניִשט קיין שאָטן,
נאָר וואָרצלען לאַנגע, פאַרעקשנטע
אין מידבר־זאַמד די זאַפטן צו געפינען.
פון רויב־פייגל צעגריזשעט און צעפּיקט,
פון טײַפונען —
געבויגן, געדראָשן און געבראָכן,
נאָר ניִשט באַזיגט.

אַ בריוו

אַ גאַנצע נאַכט, אויף מײַן געלעגער
איך גיי אַרום ווי אַ בריוון־טרעגער
איבער געסלעך פון זכּרון,
איבער שטעטלעך פון תּעניתים,
אויף די פעלדער, אויף די וועגן,
בײַ די טײַכן פון פאַרגעס,
ווו ס'פאָרן פערד און וואָגנס צו די מערק,
און איך הער נישט אויף צו פרעגן,
ווער פון זיי עס האָט געהערט,
ווער פון זיי עס האָט געזען
מײַן זיידן דעם בעל־נס,
די אָבות מײַנע, פאַסטעכער די קלוגע
מיט טשערעדעס וואָס דרימלען
בײַ די צעלטן פון תּנ"ך,
די שוועסטער מיט קרוגן אויף די קעפּ,
די באָבעס וואָס זוכן דעם גייער אויפן שליאַך,
איך האָב פאַר זיי אַ בריוו, פון אַלטן נע־ונד,
וואָס אַלע שיקן אָפּ צוריק.
קוקן זיי פאַרוווּנדערט און ס'ענטפערט יעדער איינער;
„אויף דעם אַדרעס, נישטאָ,
נישטאָ שוין קיינער,
נישט קיין פאַסטעכער מיט פלייטן,
נאָר פלינקע יעגער מיט טאַמבורן,
און זעלנער מיט טראָמפּייטן".

אַ גאַנצע נאַכט, אויף מײַן געלעגער,
איך גיי אַרום ווי אַ בריוון־טרעגער
מיט אַן אַלטן וואַנדער־בריוו
וואָס אַלע שיקן אָפּ צוריק.

אין נעצן

דער מילגרוים איז רויט, די יאָדערן שוואַרץ.
אַזוי די זאָמען אַצינד אין מײַן האַרץ.
נעכטנס — שעפּסן קודלאַטע צופּיסנס מיר ליגן,
שטום עפּעס מאָנען מיט מאָגערע בליקן.
איינער אין צווייטן פאַרפּלאָנטערט אין קנויל.
ריטשקעלעך רויטע נאָך אַלץ אויפן מויל.
אַ פּאָך פון אַ בלאַט, אַ זיפץ פון אַ שטאַם —
און אַלץ פאַרשווינדט ווי טראָפּן אין ים.
עס בלײַבט נאָר דאָס דינע, שפּיזיקע נאָגן,
מיט קילקייט פון רעגנס אין אָסיען־פּאַרטאָגן.
עס בלײַבט נאָר דער אומרו, פאַרשפּאַרטער אין צעלן
ווי פּלוצים אַ וואַרג טאָן ער וואָלט מיך וועלן.

כ׳וועל לויפן צום ים, אַהין צו די שטיינער,
ווען גיין מיר אַנטקעגן עס וועט נאָר אַליין ער.
ווען קריכן אויף בערג בײַם ברעג פון מאַנטאָן
די נאַכט וועט בײַנאַנד מיטן וואַסער־דראַגאָן.
ווען שנײַדן די וואָלקנס וועט גאָלדענער סערפּ
און וואַרפן די סנאָפּעס אין פעלדזיקע קערב.
ווען פײַפן פון באַנען אויף פּוסטע וואָקזאַלן
ווי מעוועס דערשראָסענע, קרעכצנדיק פאַלן.
ווען יעטווידער סוד עס ליגט פאַר דיר אָפן
און ס׳בלײַבן שוין אַלע חלומות אָן סופן.

כ׳וועל לויפן צום ים, צו די ראָסטיקע סקאַלעס,
ווי אַ בעטלער אויף ראָגן זײַן דלות,
מײַנע יאָרן צעלייגן אויף זאַמדיקע טישן.
דער מאָכיקער שטיין וועט זײַן מיר אַ קישן,
די שליימיקע ערד — אַ גרינער מאַטראַץ,

כוואַליע מיט כוואַליע ווי טאַץ מיט אַ טאַץ
וועט פּויקן אויף ברעגן בײַנאַנד מיטןווינט,
אויב דאָרט מײַן האַרץ קיין רו נישט געפינט,
אויסרײַסן כ׳וועל עס מיט נעגל די שאַרפע
און ווי ברויט צו פיש אין ים אַרײַן וואַרפן.

פון ים־ווינט צו דער טאָכטער פון וואַלד־ווינט

פראַגמענט פון אַ פּאָעמע

א

איך האָב דיך מײַן ליבע, אין רוימען געהיימע געזוכט,
דאָרט אין די ווײַטע, וואָלענע, וואָלקן־וועלדער,
ווו ס׳הענגען פרימאָרגנס ווי בלויע פּראָסטיקע פרוכט,
ווו עאָל דער גאָט פון ווינטן עס קומט אויף דער עלטער,
מיט שטערן אײַנגעשרומפּענע — די קאַרליקלעך ווײַסע זיך שפּילן,
ווו באָרעאָס דער ווינט פון צפון, זײַנע זילבערנע גלאָקן
אויף בלינדע בורעס צעהענגט און מיט אָטעם זײַן קילן,
נאַכטיקע צעלטן צערײַסט און שטערן צעטרײַבט אין פּאַרטאָגן.
דאָרט אויף שליאַכן פון צײַט, אויף די בלויע, אָין־סופיקע באַנען,
ווו ס׳טאַנצן פײַער־געשפּענסטער מיט זוניקע שפּליטערס אין מיטן,
און ס׳צאַפּלען די נאָפּלען פון נײַ־געבאָרענע, יונגע פּאָטאַנען,
באַגלייט מיטן האַרץ־שלאָג פון פאַרבאָרגענע, רויטע סעפּידן,
מיט אויגן פון בליצן כ׳האָב געזוכט אומעטום דײַנע שפּורן,
מיטן קול פון דונערס, גערופן כ׳האָב יאָרן דיך לאַנג,
בײַם טויער פון נעכט דיר געזונגען, ווי אַמאָל טרובאַדורן,
ווײַל פון בענקשאַפט כ׳בין דול און פון ליבע כ׳בין קראַנק.

ב

אונטער אָליוון געדיכטע, מיט געשורש פון געפאַלענע בלעטער,
וואָס דרייען זיך דולע אַרום דאָ ווי איך נע־ונד,
כ'בין דײַנע טריט נאָכגעגאַנגען, אַף באַרגקייטן הויכע געקלעטערט,
דעם עכאָ פון קול דײַנס געהערט אין קוואַל פון צעשמאָלצענעם דזשאַד,
וואָס שפּאַרט ווי אַ יונגער געלעכטער אַרויס דאָ פון שטיין,
און לאָזט אין טאָל זיך אַרונטער מיט וואָלענעם, ווייכן געפּרעפּל.
דער טאָג האָט זײַן קאָפּ אײַנגעבויגן און גרייט זיך שוין צום פאַרגיין.
די זון איבער מיר אַזוי נידעריק הענגט ווי אַ גאָלדענער עפּל,
מיר דאַכט מיט די הענט איצט דערלאַנגען צו איר כ'וואָלט געקענט,
אַ פעלדזיקע כוואַליע, אַ פרישע אויף לײַב מײַנס איך שפּיר,
איך ווייס דאָס ביסטו אַזוי נאָענט, אַזוי נאָענט,
עס ליגט נאָך אויף שטיינער דײַן פאַרנאַכטיקער, הייסער וויבריר.
אַ וואָלקן אַ ברייטן, אַ באַרג־־שפּיז אַ שאַרפער אויף שטיקער צעשנײַדט,
און מיט פענעצער ווייצענע ווײַסע די קינדער זײַנע ער נערט,
און מיך האָט אַ בענקשאַפט געפאַנגען און מיט ציין געהיימע זי קײַט.
אַ וואָלקן איך בין איצט אַליין, גרייט שוין אַ פאַל טאָן צו ד'רערד.

ג

בײַם ראַנד פון װולקאַנען, איך האָב דיך מײַן ליבע געזוכט,
בײַ די פאַרחתמעטע, גרויע עקרות, מיט טראַכטן פאַרדאַרטע,
װוּ דאָס האַרץ פאַרשלאָסענע פון באַרג זיך באַפרײַען פאַרזוכט
פון בענקשאַפטן מעוברתדיקע דורך דורות אין ברוסטן פאַרשפאַרטע
און עראָס — דעם גאָט פון ליבע מיט שטײנערנע קללות זיי שעלטן.
דאָרט װוּ די שװאַרצע געמאַרשטשעטע העלדזער אין פעלדזיקע ריפּן,
װי פון בראַנדיקע בופלאָקסן װילדע מיט אָטעם פאַרגעלטן
װאַרפן דעם זשאַר פון באַגערן אַרויס פון די טיפן.
װי אַ פויגל מיט פליגל צעשפּרייטע אין לאַװע פאַרקילטער,
געפאַנגען איך בין פון מײַן לעכצונג פאַרשמאַכטער געבליבן,
דײַן אָפּבילד אייביק צו טראָגן װי קעמל זײַן האָרב אײַנגעהילטן,
דורך װעגן פון מידבר, מיט זאַמדן הייסע פון װינטן פאַרשריבן.
צערעס, דער גאָט פון יצירה, װאָס בײַ ברעגן פון טײַכן ער װוינט,
די שפע נאָך שׂרפות ער כּפלט, קערט אום צוריק דער ערד איר געזיכט,
די פעלדער פאַרברענטע מיט לאַגמע, פרוכטבאַרער, פרישער באַלוינט,
נאָר אין מײַן האַרץ, פאַרזייט ער האָט בלויז די שװאָם פון פאַרניכט.

ד

כ׳האָב בײַם טײַך פֿון פֿאַרגעסונג געזוכט דיך מײַן ליבע,
בײַ די ווײַסע וואַסער־באַלעטן פֿון זילבערנע זיבן קאַסקאַדן,
וואָס טאַנצן אין שלייערס צעווייטע מיט לבנות געפֿאַנגענע טריבע,
אין טאָל פֿון די דאַרע דזשאַמבאַלאַס און בונטיק צעבליטע לאַביאַטן,
בײַם וואָקזאַל פֿון סעזאָנען, וווּ עראָס די זוימען טיילט אויס
און צעשיקט זיי מיט ווינטן אויף וועגן געהיימע פֿון צײַט,
וווּ דער שטראָם ווי אַ לייב פֿון שטײַג שפּרינגט חדוהדיק אַרויס
און דאָס אוראַלטע שטיינערנע שווײַגן מיט אַ מאָל זיך צעשרײַט.
דאָרט וווּ אין טײַכיקן אָפּגרונט די זון אַ פֿאַרמאַטערטע פֿאַלט,
און די צויבער־פֿלאַנץ זעלטענע — די מאַגישע מזל־מאַנדראַגאָר
אירע גאָלדענע בלעטער פֿון גײַציקע בליקן אין מאָכן באַהאַלט,
נישט פֿאַרראַטן עס זאָל אים דאָס געשליפֿענע אויג פֿון קאַיאָר.
ווי ליידנשאַפֿט־בלום, געקרייצטע, אויף איר גורל זיך קיין מאָל באַקלאָגט,
מיט שפּיזן צוזאַמען זי וואַקסט און בליט און גרינט,
אַזוי מײַן האַרץ ווי אַ שפּלין דעם דורשט אין זיך טראָגט
און זיך אַליין שיגעונדיק לעשט און אייפֿערדיק צינדט.

ה

כ'האָב דיך אין יוגנט־ציר מײַן ליבע אָנגעטאָן,
פון אַכזר־צײַט דײַן הדרת־פּנים איך באַהאַלט.
ווי בלינדער בוים יצירה־סוד סעזאָן נאָך סעזאָן,
איך טראָג אין בליק מײַנעם די זאַט פון דײַן געשטאַלט.
ווי אויף זעגלען ווײַסע, אויף אַלע מײַנע טעג,
כ'האָב אויסגעמאָלן און צעשיקט אין ספערן דײַן פּאָרטרעט.
מיט אַלע טײַכן, אַלע ווינטן אויף מײַן וועג
פון דיר מײַן ליבע כ'האָב גערעדט.
ווי דער אויסטער מיט פּערל, ווונד זײַנע פאַרהילט
און אַ צירונג גאָר געמאַכט זיך פון זײַן מום.
אויף מײַן עצבות אויפגעהאַנגען כ'האָב דײַן בילד,
און גיי דורך נאַכט ווי מיט אַ לאָמפּ מיט דיר אַרום.
ס'האָט גורל מיר מיט ליבע־גליק באַלוינט,
אַז וויסן פון צעשייד איך זאָל די שטראָף.
מײַן האַרץ מיט דיר זײַן עס זאָל באַוווינט,
און נישט דערגרייכן דיך איך זאָל ביז סאַמע סוף.

נעכט

א

פרילינג־נעכט — שיסלען פריזמאַטישע שווערע מיט קוילן
אין דינעם, זילבער־זוימיקן געגלי,
מיט פונקען פון אַלטע פֿײַערן אונטער הויטן אַשיקע פֿאַרהוילן.
ווי אויפן סטעפּ דער נע־ונדנער ווינט
זיי קײַקלען זיך אויף מיר ביז די האַנט פון אינדערפרי
זיי פאַנגט אין נעצן ווײַסע און פאַרשווינדט.

נעכט מײַנע — וועלדער געהיימע אויף גרונטן פון ים,
וואָס ציִען אַרונטער צו זיך פון הימל די שטערן
און ווייסן פון פײַער־באַהעפט נישט דעם טעם.
אין טיפן זייערע איך וואַרף דעם זאָט פון חלומות אַוועק,
ווי דער ים די געשליפענע, שטיינענע טרערן
אויף זײַן איינזאַמען, זאַמדיקן ברעג.

נעכט מײַנע — רונדע, שוואַרצע, אויסגעגלעטע תפילה־קרעלן,
אין טוכלע טורעמס פון יונגע בענקענדיקע נאָנעס,
וואָס ציילן מיט אויגן פאַרמאַכטע אויף קאַלטע האָרכנדיקע שוועלן
די טריט פון יעדן פאַרגאַנגענעם מעת־לעת
און צאַנקען אויס בײַנאַנד מיט די עלנטע לבנות
דערוואַרטנדיק אַ נס.

ב

זומער־נעכט ווי קעמלען מיט אויגן צעפּיבערטע, דולע,
מיט הויקערס צעשפּאָלטענע געלע,
מיט מידבר־דורשט, גענעצדיק, פּויל
גייען איבער מיר,
צו די מילך־טײַכן לבנהדיקע,
צו די אָזערעס פּאַרטאָגיקע, טריבע,
דאָרט ווו די קליינע וואַסער־לינדז נאַקעט, הויל
באָדט מיט שטערן זיך אין איינעם
און די ברוינע, סאַמעטענע טיפּאַ־פּלאַנץ
מיט די וואָלקן־ווינטן היימלאָזע טאַנצט.

אָ, נעכט מײַנע, בלאָנדזשענדיקע, פרעמדע,
ווי אין וואַסערן די אויסגעוואָרצלטע דזשאָסינטאַ בלום,
מיט די צווײַגן, מיט די בלעטער,
פון ברעג צו ברעג,
איך שווים אין אײַך אַרום.
און וואַקסנדיק איך זינק
און זינקענדיק איך וואַקס.

ג

סעפטעמבער־נעכט ווי יונגע נעגערינס מיט קאַטן־קערב אויף קעפ
גייען דורך מײַן פענצטער באָרוועסע פאַרבײַ,
לאָזן עכאָס פון ניגונים נישט דערזונגענע אויף מײַנע טרעפ
און צינדן אָן אין מיר די זונען פאַרגאַנגענע אויף ס'נײַ.

סעפטעמבער־נעכט געשליפענע ווי שוואַרצע קרישטאָלענע בעכער,
מיט ריחות רײַפע פון ווײַנען אויסגעשטאַנענע, אַלטע
און לבנות בלייכע וואָס קוקן עלנטע אַרונטער פון די דעכער,
ווי בושלען פאַרוואונדעטע פון נעסטן ליידיקע, קאַלטע.

סעפטעמבער־נעכט פון אַלע טרוימען אויסגעשיילט און אויפגעוואַכט
איך גיי אַנטקעגן אײַך אַ זיכערע מיט טריט נאָך פעסטע אַצינד.
ווי פון קאָקאַ־ניס צעשפּאָלטענע דאָס מילך פון יעדער נאַכט,
טרינק איך אויף ליפּן מײַנע דורשטיקע רינט.

כ׳האָב ליב

כ׳האָב ליב דעם זשאַר
פון אויסגעברענטע קוילן,
דעם רויטלעך ראָז,
דעם פורפור בלוי,
אין שלומער, זילבערנעם
פאַרהוילן,
וואָס וואַרפט נישט מער
די פונקען סתּם אַזוי
און זוכט נישט
אַלע שפּענער אײַנצושלינגען,
נאָר שטיל,
עניוותדיק
און קלוג,
דעם פײַער טיף,
אין זיך ער טראָגט,
און ס׳דאַכט זיך דיר,
ער ציטערט
צאַנקענדיק און קיל,
ווי פון ווײַט,
אַ פאַלנדיקער שטערן,
נאָר ס׳איז גענוג
איין באַריר
אָפּגעבריט צו ווערן.

מען דרעשט דאָס קאָרן

מען דרעשט דאָס קאָרן!
מען דרעשט!
סנאָפּ נאָך סנאָפּ,
פֿאַלן צו דער ערד.
קערנער גאָלדענע —
ליכט־טראָפּנס
רינען אויס,
טראָפּ נאָך טראָפּ.
אַ האַנט געהיימע
צעצינדט זיי
און פֿאַרלעשט.
טוט מיר באַנג
פֿאַר יעדן פֿונק
וואָס ווערט אין נאַכט
פֿאַרלאָרן,
פֿאַר יעדער זאַנג
פֿון וואָרצל אָפּגעשאָרן.

ג

*

ווי מאַראַנען זייער גאָט,
מײַן ליבע אונטער וויעס
אַ באַהאַלטענע איך טראָג.
בײַם ווײַסן מידבר־ראַנד
איך שרײַב דײַן נאָמען אויס
אויף די זעגלען פון פאַרטאָג.

פון אַלע רייד

פון אַלע רייד מײַן ליבער,
דײַן שווײַגן איך באַגער.
אין דער שטיל, דאָס האַרץ
דײַנס הער איך.
אַלע גרענעצן איך שווים אַריבער
און דײַן שאָטן ווער איך.
אַ כוואַליע בלוי דײַן געשטאַלט
און ס׳גייט דײַן בליק אין מיר אַרום
ווי דער פרילינג אין אַ וואַלד.

לאָמיר שווײַגן

זאָג אַצינד מיר גאָרנישט.
ריידן איצט מען טאָר נישט.
שוין אַלץ געזאָגט. אַלץ געטאָן.
קוק מיך שווײַגנדיק בלויז אָן
ווי ים דעם ברעג אין צופלוס שעה,
מיט אַלע סודות אויפן דנאָ,
מיד פון פאַלן און פון שטײַגן.
לאָמיר איצט ווי סקאַלעס שווײַגן,
ווען ס'גייען וועלן אים אַנטקעגן,
שטאַרקער פון ים זײַנען די ברעגן.

פרעמדקייט

אין באַנען באַזונדערע צוויי
אויף רעלסן פון יאָרן,
באַרג אַרויף. באַרג אַראָפּ.
פּאַראַלעל, איינער נעבן צווייטן
מיר פאָרן.
מיר ריידן דורך שויבן.
פאָכען די הענט,
רופן זיך איבער,
און הערן זיך נישט.
אויף פרעמדע וואָקזאַלן,
אויף טריבע פּעראָנען
מיר שטעלן אויף רגעס זיך אָפּ,
קוקן פאַרלאָרן זיך אָן
און שיידן זיך,
ווידער צו פאָרן.
רויטע סיגנאַלן. גרינע סיגנאַלן.
סטאַנציעס פון סעזאָנען.
מיר פאָרן.
ווייסן נישט פון וואַנען.
ווייסן נישט ווהין.
מיר זײַנען אַליין די טריבע וואָקזאַלן.
מיר זײַנען אַליין די פאַרמאַכטע, לויפנדיקע באַנען.

איך און דו

אין טעג ווי אין רעמלעך לײדיקע באַגילדטע,
פֿון אויסגעריסענע פּאָרטרעטן,
מיר קלעפּן זיך אַלײן אַרײַן
און קוקן פֿון דאָרט אַרויס
ווי פֿון ווײַטע, באַזונדערע פּלאַנעטן,
אויף זיך,
אויף זײ,
וואָס דרייען זיך אַרום אין אונדזער הויז,
טענהען אויף אַ פֿרעמדער שפּראַך
און פֿאַרשווינדן מיט לעצטן זון־געצאַנק.
נאָר די נאַכט
רעמלעך אונדזערע צעשמעלצט,
און לאָזט אַראָפּ אונדז אויף איר שוואַרצן שליאַך
צעווישן גײער אוראַלטע,
צעווישן רײַטער
וואָס ריידן מיט טאַם־טאַמס און טאַמבורן.
זײ קומען,
מיט ווינט־מילך אונדז צו זויגן,
מיט בוימלען געהיימע אונדז צו זאַלבן
און מורמלען שפּרוכן פֿון יצירה.
מיט שטערן ווי מיט טשוועקעס אָנגעגליטע
אונדז זײ נאָגלען און פֿאַרשמידן.
בײַ נאַכט איך בין אַ צלם אַן אויסגעהובלעטער, אַ ווײַסער,
און דו אַ געקרײַציקטער,
מיט מיר בײַנאַנד צו ברענען אויפֿן שײַטער.

ביסט געקומען

ביסט געקומען אויפן טײַך פון צעגאַנגענעם חלום
מיט שניי פון זאַווײ אין דײַן בליק.
ווי זעלטענע פעלן, דײַן יאָרן־געפאַנג
צו די פיס מײַנע וואַרפסט.
ווי מירשוים־ליולקע, דײַן בענקשאַפט פאַררויכערן ווילסט
און שווײַגנדיק בעטסט מיר: „צעצינד״!

ווי טויכער די פערל אויף ימיקן גרונט די בליקן איך קלײַב,
נאָר פאַרשלאָסן דאָס מויל, ווי אַ פאַרטריקנטע ווונד,
איך נעם נישט דײַן מאַנטל פון עלנט אַרונטער.
איך זאָג נישט, פאַרבלײַב!
ווײַל בײַם ברעג פאַרהילטן פון
מײַן האַרץ —
נישטאָ
קיין וואַסער־ליליעס אין שטראָם,
קיין בלעטל קיין צאַרטס,
קיין ווערבע פאַרבענקטע,
וואָס נישטערט מיט אויגן פאַרליבטע דעם דנאָ,
קיין יונגע לבנה מיט זילבערנעם סערפּ,
וואָס קומט נאָכן שניט די פיס די באָרוועסע שווענקען.

עס קומען נישט מער די פאַרטאָגן אַהין מיט סאַרנישע טריט,
די נאַכטיקע היילן מיט ווײַסע וואָלענע אָטעמס פאַרהענגען.
בײַם פאַרבאָרגענעם ברעג פון מײַן האַרץ
זײַנען נאָר פראָסטיקע פעלדזן פאַרבליבן,
שטערנס פאַרלאָשענע בלינדע, באַדעקטע מיט ראָסט.
ס׳האָט דאָרטן דער זומפּן־טײַפון
די שאַרבנס, די ביינער פון דורות פאַרצוקטע געלאָזט.

בײַ פֿאַרלאָשענע שײַטערס,
מײַן שאָטן די נעכט װי בלעטער פֿון קרױטן צערײַסט
און זאַמלט די אַשן פֿון שׂרפֿה לעצטער צונױף.
איז נעם, אַצינד
מײַן שװאַרצע פֿאַרפֿראָרענע רױז און אַנטלױף.

מיר פליִען

ווי פֿאַרליבטע
איבער דעכער
בײַ שאַגאַלן
מיר פליִען.
אויף מײַנע
פליגל דיך
איך טראָג
העכער
אַלץ
און
העכער.
איך הער
דאָס געזאַנג
שוין פון שטערן,
און דו
נאָר געוואָי
פון שאַקאַלן.
וואָס נענטער
צום הימל
מיר ווערן,
אַלץ
טיפער
און
טיפער
מיר
פאַלן.

דײַן בליק

דײַן בליק — אַ גאַסט אין מײַנע אויגן,
אומדערוואַרט ער שפּרינגט אַהין אַרײַן
ווי אַ רויבער אין אַ ברענענדיקן הויז
און טראָגט פון דאָרט
זײַן אײגענעם פּאָרטרעט
אַ פֿאַרשׂרפעטן אַרויס.

איך קום

צום שטראָם פון דײַנע פֿאַרנעפּלטע שוואַרצאַפּלען
ווי דער אָוונט־ווינט איך קום,
אי נאָענט, אי פרעמד,
אי זעעוודיק, אי בלינד
איך קרײַז אין אים
היין און צ׳ריק אַרום
און פאַרשווינד
פאַרשעמט
פאַר דײַנע זינד.

דײַנע אויגן

א

דײַנע אויגן — רוישיקע וואָקזאַלן
מיט זונות, בעטלער און קלאָשאַרן
וואָס האָבן אַלע באַנען שוין פאַרשפּעטיקט,
אַלע נעכט ווי ווײַנען שוואַרצע אויסגעטרונקען,
אַלע לבנות ווי ברויטן ווײַסע אויפגעגעסן
נאָר זייער דורשט נישט געשטילט
זייער הונגער נישט געזעטיקט,
און איך זוך נאָך אַלץ אין זיי
מײַן אינדזל פון קאָראַלן,
מײַן שטערן, וואָס איז אַמאָל אַהין אַרײַנגעפאַלן.

ב

דײַנע אויגן — אַ צווילינג קוואַל
מיט זילבער־זוים באַוואָקסן געדיכט.
אויף זײַן דנאָ, האָסט אַ שלאָס
מיר פון זעפירן און טאָפּאַזן אויסגעבויט.
נאָר איך אַליין, געוווּסט אַהין עס האָט דעם וועג.
מײַן אומרו דאָרט איך האָב פאַרשפּאַרט,
דײַנע נעכט ווי וואַסערליליעס שוואַרצע געשאָרן,
דײַנע טעג ווי זעגלען ווײַסע אָנגעצויגן
און אין דײַן צווילינג־קוואַל
דערטרונקען געוואָרן.

איך באַדויער

איך באַדויער,
וואָס כ׳קען נישט העלפן טראָגן דיר דײַן טרויער,
ער טראָגט אַליין שוין דיך מיט אימפּעט סטיכיש,
ווי צופֿלוס ימיקער אַ פֿיש פֿאַרווונדעטן צום ברעג,
וואָס ווערט זיך מער שוין נישט,
און שווימט מיט הוק פֿאַרשלונגענעם געהאָרכזאַם נאָך
אויף כוואַליעס שוימיקע דעם שטומען שאָטן פֿון זײַן ראָך.
איך באַדויער,
וואָס כ׳קען נישט העלפֿן טראָגן דיר דײַן טרויער,
ער האָט געפֿאַנגען דיך און ווי אין שטײַג אַ לייב
אין גוף דיך אייגענעם פֿאַרשפּאַרט
נישט זען דו זאָלסט אין בלינדן קרײַזיקן געלויף
ווי מיט לײַב דײַנס ער פֿאַרוועבט זיך און פֿאַרקנעט,
מישט מיט בלוט דײַנס זיך צונויף.
און ווערט דײַן ברויט, דײַן זאַלץ, דײַן בעט.
ווי אַ שיכּור אין אַ פֿאַרלאָזטן קעלער־ווײַן
ער קריכט שוין הפֿקרדיק אין האַרצן דיר אַרײַן,
אַלע דײַנע ווײַנען פֿון יאָרן אויסגעשטאַנענע ער צעקאָרקעט,
טרינקט אויס
און קוקט דורך שפּאַלטן פֿון דײַן בליק
מיט פּלעשער ליידיקע, פֿרעמד און וואַנזיניק אַרויס.

איך באַדויער,
וואָס כ׳קען נישט העלפֿן טראָגן דיר דײַן טרויער,
אַ טורעם ביסט אַ פֿעלדזיקער מיט יִיאוש באַלאַגערט און באַלויערט,
איך אַ בוים אַ האַרבסטיקער פֿון ווינטן היימלאָזע באַוווינט,
מיט וויי און צער פֿון צײַטן געקנאָטן און געשפּײַזט,
צו זייער פֿרוכט איך בין פֿון קינדווײַז שוין געוווינט,

איך האָב פון אורזיידעס געלערנט ווי אַזוי
דעם טרויער ווי שפּינוועב־נעץ אַרום זיך מען צעריַיסט,
די ווייטיקן ווי ים די שטיינער אויף זעמדעלעך צעריַיבן,
ווי שטערן אין טיַיכן זיך טרינקען און גליִענדיק פאַרבליַיבן.

איך באַדויער,
וואָס כ׳קען נישט העלפן טראָגן דיר דיַין טרויער,
איך וואָלט גענומען אים אויף מיַינע הענט,
נאָר ס׳רוקט די שיף זיך אָפּ פון פּאָרט,
דו קוקסט פון וויַיט מיך נאָך, אי נאָענט, אי פרעמד,
און ס׳פּאַלט אין ים אַריַין דאָס לעצטע וואָרט.

ד

בײַם ים

דער ים — אַ שוואַרצער ווילדער וואַסער־אָקס
מיט מעסערס זיבן זילבערנע אין רוקן
אין ווײַסער שוימיקער אַרענע,
מיט בליקן פֿאַרבלוטיקטע טעמפּע
צום פֿאַרטאָג
די לבֿנה אויף די הערנער
אַ דערשטאָכענע טראָגט,
און שטערן ווי קינדער דערשראָקענע קוקן.

אויף די סקאַלעס

גראַניטן אויסגעשלײַפֿטע, פֿינקלענדיקע ווײַסע
ווי שאַפֿעס מיט סלאָיען אויף ווענט פֿון אַפּטייקן,
איינער אויפֿן צווייטן אויסגעשטעלט געהיים דאָ,
מיט שריפֿטן ימיקע פֿאַרשריבן און פֿאַרזיגלט.
די לבנה אין אַ דינעם דורכזיכטיקן ראָק,
זוכט אין פֿלעשער פֿאַר מײַן יִיאוש אַ רעצעפּט.
די נאַכט — אַ שטומער־צונג
פֿון אַ שׂרפֿה אַרויסגעשלעפּט,
טינקט זיך אין די כוואַליעס.
ווי זי, ביז פֿאַר טאָג,
אויף שטיין דאָ,
מײַן שאָטן כ׳וועל צעלייגן,
הין און קריק פֿון סקאַלע צו סקאַלע,
גיין דאָ, ווי אַ שיכּור איבער שענקען,
וואָס זוכט מיט נס פֿון לעצטן טרונק
דאָס אַש פֿון האַרץ אַראָפּצושווענקען.

אין די בערג

א

ברויטן פון לאַווע־זאָטן און שטערן־מילך
אין בויך אין ערדישן פאַרקנאָטן,
מיט קימל שוואַרצן פון רויכן באַדעקט.
אורשטאָפן פנימלאָזע,
געשטאַלטן אין סוף־לאָז געוועב
מיט אויגן פאַרבאָרגענע קוקן
דורך גראַטעס פאָרשנדיק, אַרויס
און זאַמלען בשתיקה אין פעלדזיקע בײַטלען
די קערנער צעמאָלטע פון צײַט.
קורבורן זיגזאַגיקע,
אין קרישטאָלענעם געבלענד
צו די פלעיאַדן ווײַטע
פליִען אין פאַרטאָגן,
מיט פליגל פראָסטיקע,
העלדזער אויסגעצויגענע, שאַרפע
און מחנות אײַנגעשלאָפענע אויף פלייצעס,
ווי קינדער אין רוקזעק זיי טראָגן,
ביז די זון
מיט פײַער־לאַנצעטן שפּיזיקע, לאַנגע
די וואָלקן־פליגל צעשערט
און לאָזט צוריק מיט נעפּל־שירעמס
אַראָפּ זיי אויף דער ערד.

ב

אַקטאַגאָנען אויסגעשליפענע,
שפּיגלען פּאָליהידרישע,
אויערן האָרכנדיקע צו גלגלים אָנגעשטעלט,
שטערן־געזאַנגען,
סיגנאַלן געהיימע פון זונען
בלינד געוואָרענע
צו פאַנגען.
בערג אין טאָגעס ווײַסע אײַנגעהילט
מיט בית־עלמינס פון סעזאָנען
באַדעקט.
טאָפּאָלן אַלטע אין העלפאַנד־הויטן,
צעקאָרטשעטע, גרויע
מיט ווידויס פון ווינטן
פאַרשריבן.
סאָסנעס פאַרשנייטע,
ווי גלאָקן זילבערנע, שטומע,
וואַרטן,
זיי צעקלינגען
זאָל ווער
און ברענגען צום יום־טוב
די מתנות פון טאָלן אַהער.

דער ווײַסער יום־טוב

פעלדזן־קעפּ ווי חתונה־געסט אָנגעשיכּורטע,
אין צעריסענע שלייערס,
אויף ברוסטן באַרגיקע דרימלען.
די זון ווי קלעזמער אַן אַלטער,
סטרונעס צעפּליקטע פֿאַרבינדט
און ניגון אָין־סוֹפיקער ווידער
אין שליימיקע שלונדן יצירהדיק רינט.

דערפֿער ווי ניסלעך צעשפּאָלטענע ברוינע,
צעשאָטענע ליגן אין טאָל
און רופֿן זיך טריב און אימהדיק איבער.
נעכט מיט העלדזער פֿאַרפֿראָרענע, שטײַפֿע
שלאָפֿן אין אָרונס פֿון קרישטאָל.
יונגע יאָדלעס צום פעלדזן־שטיין געשמידט,
די גרינע קרוינען ווי פֿאָנען
דעם פרילינג אַנטקעגן,
פֿאַרעקשנט אין פֿאַנצערס אײַזיקע טראָגן.

נעכט אין די בערג

צערייצטע, הונגעריקע, נאַקעטע נעכט
שלאָפלאָזע ליגן אויף בײַכער,
פאַרשלאָסענע פון בערג.
קוקן אויף דערפער צעגליטע
אין טאָלן אַראָפּ,
מיט אויגן פאַרלאָפענע רויטע,
פון יונגע, געזאָטלטע פערד,
קײַען ווי גאָלדענעם קאָרן
די געפאַלענע שטערן
און לעשן זיך אויס
ווי שײַטערס אין רעגן.

טײַכיקע דיאַלאָגן

אין פֿאַרטאָגן פֿירן טײַכן צווישן זיך
אָפֿנהאַרציקע דיאַלאָגן.
אַ קוואַל, אַן אַלטער מיט מאָכן באַוואָקסן געדיכט
צום טאָל דורך פֿעלדזיקע רוקנס זיך שלעפּט.
מיט אויגן פֿאַרלאָפֿענע מידע ער קוקט די שטראָמען שכנהשע נאָך
ווי פֿון זיי ער וואָלט געשעפּט
און מיט קול אַן הייזעריקן, האַרטן
דעם גאַנצן וועג צו זיך אַליין ער רעדט:
„אומעטום שוין געווען, שוין געווען, שוין געווען,
אַלץ שוין געזען, שוין געזען",
איבער אים קוואַלן יונגע דרײַ,
דורך שלוזן, דורך שפּאַלטן
פֿאַרסאַפּעטע לויפֿן פֿאַרבײַ,
דרייען זיך אימפּעטיק
הין און צוריק,
ווערן אין באַרגיקע בײַכער פֿאַרפֿאַלן,
טאַפּן מיט וואַסער־פֿינגער דעם וועג,
גיסן זיך האָפֿערדיק אין שוימיקע גאָנשערס צונויף
און פֿאַלן בציבור אַרונטער צום טאָל,
פּרעפּלענדיק שטיפֿעריש הויך אויפֿן קול:
„גיכער, גיכער, גיכער, גיך!
נישטאָ קיין צײַט!
נישטאָ קיין צײַט!
ס'איז צו פֿליינען און צו ימען
שוין נישט ווײַט!
שוין נישט ווײַט!

וואָלקנס אין די בערג

וואַנדערן וואָלקנס אין די בערג
ווי ציגײַנער אין טאַבונעס.
זין און טאַטעס אויף די פערד.
קינדער זקנים אין די בוידן.
צופּיס די מאַמעס גייען נאָך
און טראָגן באַהאַלטענע זונען
אין בוזעמס צו די מערק.
שטעלן אָפּ זיך דורך די נעכט
אויף אַ פעלדזן־קייט אַ הויכע,
פון וועג זיך אָפּצורוען,
די ווינטן פון וואָרצלען אָפּצושערן,
דעם מילך־שליאַך אויסצומעלקן
און לייגן קאָרטן פאַר די שטערן.

אַ ווינטער־פֿאַרטאָג אין די פּירענייען

בערג נאָך בערג און ווידער בערג אײַנגעהילט אין שניי,
ווי די קוקסט, ווי ימען פֿאַרגליווערטע, באַרג־פּאַסן זעסט
און וואָלקנס אין לאַנגע שערענגעס ציִען אַהער זיך צו זיי,
ווי צו טישן פֿאַר סעודות געגרייטע, מחנות פֿאַרבעטענע געסט.

אַ בלייכע, פֿאַרזיגלטע זון צערטלט פֿון ווײַטן, פֿרעמדלעך און האַרב
די ביימער פֿאַרלאָזטע מיט אַלטע פֿאַרטריקנטע, דאַרע אָליוון.
טעג, זילבערנע, רונדע קײַקלען ווי רייפֿן פֿון באַרג זיך צו באַרג
און פֿאַרשווינדן בײַנאַנד מיט זאַלפֿן פֿון יעגער און סירענעס פֿון שיפֿן.

צופּיסנס דער ים אין פֿעלדז־גרונט מיט סקאַלעס אַרום זיך פֿאַרשפּאַרט.
פֿון ווילדן געוויש, צום שטילן געלעגער ער יאָגט זיך אַהער צו דער הייל,
ווי יעדן פֿאַרנאַכט אין שלוכטע פֿון אורשטיין, עמעצן ער וואָלט דערוואַרט
און שושקענדיק אים ביז פֿאַרטאָג אַלע סודות פֿון וואַנדער דערציילט.

פֿון ווײַטן די שטאָט מיט טריט אומבאַמערקטע פֿאַרטײַעט אַהערצו
קומט אָן
און לאָזט אירע שטיינערנע פּרוכטן אויף וועגן צעשאָטענע איבער.
שווער און אכזריק, מיט הויכע פּירקאַנטיקע פּיס פֿון בעטאָן
זי שפּאַנט איבער טײַכן, תּהומען און יאַרוסן ברייטע אַריבער.

אונטן אויף פֿעלדער, אַנטקעגן דער אַלטער מיט מאָכן באַוואָקסענער מיל,
מאַמעס און טעכטער יאָלקעס שנײַדן גרינע פֿאַר מערק
מיט ניגונים פֿון אַסטוריאַס, סאַראַגאָס און סעוויל
און דער ווײַ מיט בליקן היימלאָזע קײַקלט זיך אומעטיק איבער די בערג.

דאָרט בײַ דער גרענעץ דאָס האַרץ געפּאַנצערטע פֿון שפּאַניע שלאָגט.
עס שווײַגן די נאַקעטע פֿעלדזן מיט וועגן פֿאַרשלאָסענע, טויבע בײַנאַנד,
עס רופֿן נאָר קלויסטערס זיך איבער מיט בלײַענעם מויל פֿון אַ גלאָק
און זינקען אַרונטער אין בלוילעכן נעפּל בײַם באַרגיקן ראַנד.

פּאַריז

פּאַריז — אַ דאַכלאָזער מוזיי
מיט קאַנוועסן פון שטיין
גאַסן — געלע צעקאָרטשעטע בלעטער
מיט נאָטן.
אַלטע ניגונים,
פון צײַט צעגריזשעט און צעטראָטן.
די סען ווי אַ זילבערנער צאָפּ
פּאַלט אויף אירע צעהויקערטע אַקסלען אַראָפּ.
פּאַריז די ווענט, ווי טאָגביכער פאַרשריבענע לייענט,
די נעכט ווי ברויטן שוואַרצע קײַט,
דעם ווײַן פון פאַרליבטע
אין קעלערס דומפּיקע זי היט
און וואַרפט די טעג
ווי עפּל טערפּיקע
אין דער מאַרנע אַרײַן.

אין טוליערי

אַ קילער, צעקנייטשטער האַרבסט אין דער פרי
מיט רויטע צעשויבערטע האָר
פירט געסט פאַרשלאָפענע פון טוליערי אַרויס.
אַ יונג־פאַרליבטע פּאָר קרישקעס פרייד
אין וואַסער וואַרפן צו די פיש.
אויף שטול אַ שטרויענעם, אַ פרוי,
ווי אַ קינד די זון האַלט אויפן שויס.

ווינטן ווי יאַגד־הינט געניטע
איבער לאַנגע אַלייען זיך יאָגן,
לעקן די מאַרמאָרנע ווײַסע פיגורן,
שנאַפּן די קוסטן, שמעקן די ערד
און זוכן פון זומער
די לעצטע, פאַרבליבענע שפּורן.
פאַרבלוטיקטע בלעטער ווי רעגן אַ רויטער
טריפן טראָפּ נאָך טראָפּ.
און ס'בויגן ווי קעמלען די ביימער זיך אײַן,
אַז גרינגער אין רגעס אין לעצטע
דאָס פאַלן פאַר בלעטער זאָל זײַן.

לבנה

אַן אַלטער פֿאַרזשאַווערטער גלאָק — די נאַכט,
צעהוידעט און צעוויגט.
אַ קאַטעדראַל, אַן אָפֿענער — דער הימל.
טיר און טויער אָפֿן.
ליכט און לאָמפּן אָנגעצונדן.
אַלע וואַכן, נאָר קלאָשאַרן שלאָפֿן,
צוגעדעקט מיט קאָלדרעס פֿון פּאַפּיר.
די פּיאַטעס אויסגעשטאַרצטע, הוילע,
ווי שטערן אויפֿן שטיין.
וואַנדערט די לבנה,
אין שלייערס שוואַרצע ווי אַ נאָנע,
מיט טריט געמאָסטענע שטילע,
איבער געסלעך צעהויקערטע, קרומע,
מורמלענדיק אַ תּפֿילה,
הויפֿן פֿינצטערע צעצינדט,
קוקט מיט בליקן פֿאַרכטיקע פֿרומע,
אין שויבן פֿאַרהילטע אַרײַן
בענקענדיק נאָך זינד.

*

די לבנה גייט מיט מיר שפּאַצירן
אויף אָקרע, געזאַלצענע גאַסן פֿון מאַרסיי.
איך לאָז שווײַגנדיק זיך פֿירן.
אונטער איר, ווי אַ שאָטן שווײַגנדיק איך גיי
שיפֿן ריידן צווישן זיך אין פּאָרט.
פֿישער ווי פֿיש געפֿאַנגענע, אין נעצן
צאַפּלען אויפֿן ברעג, מיט דראָט אַרומגעצאַמט.
שיכּורע מאַטראָסן מיט ווײַן אין בערעטן
טרינקען מיט לאַמטערנעס אַ לחיים.

און ס׳ענטפּערן מעווערס צעשראָקענע אין זאַמד.
די לבנה גייט מיט מיר שפּאַצירן
אין אַ פרעמדער, שלאָפלאָזער שטאָט.
זי היט איך זאָל איר נישט פאַרלירן.
זי בויגט זיך איבער מיר
און רוימט מיר איַין אַ סוד:
„איך האָב ווי דו קיין היים
אין ערגעץ נישט געהאַט.
זיַין מיר וועלן ביידע שוין
אייביק נע־ונד״.

*

אויפן מילך־שליאַך גייט אַ בלינדער
אויף אַ שטעקן אָנגעשפּאַרט.
און די לבנה אַ פאַרווייינטע
אונטער אים זיך שאַרט.
ווי אַ טוך די עלנט טראָגט זי
ביז עס הויבט אָן טאָגן
און דעם שאָטן אייביק יאָגט זי
און קען אים נישט דעריאָגן.
אוי, לבנה, שוועסטער מיַינע,
וויין נישט אויף מיַין דאַך.
פון אַזוי פיל טרערן
קען די נאַכט, חלילה, דערטרינקען ווערן.

אין װענסען־װאַלד

רויכן פון נעכט אויסגעברענטע
אויף ביימער נאַקעטע הענגען.
בלעטער פֿאַרבליבענע, אַלטע
שפּראָצן נײַע פֿאַרדעקן.
װי שפּינען שװאַרצע, טויטע פּעטאַלן
פון נעכטיקע האַרבסטן,
װאָס קענען נישט פֿאַלן
װאַרטן אויף װינט און אויף רעגן.

ביימער אין מאָך ביז די קני
שטייענדיק שלאָפן.
שטאַמען פֿאַרשטאַרטע,
מיט װילדװוקס באַװאָקסן,
פון דונערס געטראָפן,
מיט הערצער פֿאַרברענטע
און צװײַגן פֿאַרדאַרטע
אויף האָלצהעקערס װאַרטן.

אָוונט־גלאָקן אין ווערשאַטאַז

אָוונט־גלאָקן,
פליגל־פאָך
און שליסל־קלאַנג
יאָגן נאָך
אַ פוילן פערד
מיט אַ קרעכצנדיקן וואָגן.

שוואַרצע שאָטנס
מיט פרומען גאַנג,
אַ רונדער גלח מיט אַ שטאָק.
גלעזערנע דיאַלאָגן
דעם טאָג באַגלייטן אויפן שליאַך.

אָוונט־גלאָקן
אין ווייכן שניי
עפענען דעם פאָרט
פאַר שיפן פון דער נאַכט
און פירן פון באַרג צו באַרג,
דורך טיפן טאָל,
אויף לאַנגן דראָט
אַ שוואַלב פון שטאָל.

אָוונט־גלאָקן
אין די בערג,
מיט בײַטלען פון גראַניט,
מיט טאָרבעס פון שטיין,
מיט עכאָס און טריט פון דורכגייער,

באַוואָקסן און באַוווינט,
קלאַפּן אין די שויבן,
ווען די זון פאַרן פאַרגיין
דעם העכסטן באַרג פאַר קעניג קרוינט.

ה

מײַן פּאָרטרעט

אויף אַ טײַך, פֿאַרשנייט און פֿאַרפֿראָרן,
דאָס גאַנצע לעבן
מײַן פּאָרטרעט איך האָב געמאָלן.
די שטריכן און קאָנטורן
געצייכנט און געמעקט.
געוואָלט, בלײַבן זאָלן שפּורן
אויף מײַן וועג.
ווי בלײַפֿעדערס די יאָרן
געשניצט און אויסגעשריבן.
איז דער שניי צעגאַנגען.
דער טײַך צום ים אַוועקגעשוווּמען
און דעם פּאָרטרעט מיטגענומען.

דאָס נאַכט־שפּינדל

דאָס נאַכט־שפּינדל דרייט זיך און דרייט.
וויקלט לאַנגזאַם און וועבט
מײַן שיכּורן שאָטן
אין פּורפּורנעם ליכט־ראָד אַרײַן.
פעדעם — קנוילן. רגע־ראָלן.
כּישופדיק געשטריק.
פּלאָנטערס. קנופּן, אין צעבינד.
אין רונדן, ראָדיקן געדריי.
אויסגעשפּינט שוין באַלד די שפּול.
און נאָך ווײַט צום באַגין.
אויף שויבן פּאַלט אַ שוואַרצער שניי.
דאָס האַרץ איז פול.
צופּלוס־צײַט אַצינד.
ס'קערט דער שטראָם זיך אום צוריק
פון ווײַטן וועג.
אַלע אינדזלען שטיינערנע פאַרשווענקט.
און שטײַגט נאָך אַלץ און שטײַגט.
שווימען נעכט ווי פליטן אין מײַן בלוט
קוקט דאָס אויג זיי נאָך פאַרבענקט
און שווײַגט.

כ׳שטיי אויף

כ׳שטיי אויף
נאָך יעדער נאַכט,
ווי נאָך אַ שלאַכט.
אונטער מיר —
אַ ביינער־טאָל,
אַ באַרג מיט קעפּ
באַוואָקסענע מיט גרינע האָר.
אויף די פּלייצעס
צום טויער פון קאַיאָר,
די פאַרוווּנדעטע איך שלעפּ,
ווי צום שוועל פון אַ שפּיטאָל.
כ׳שטיי אויף
נאָך יעדער נאַכט
ווי נאָך אַ שלאַכט,
און דעם טאָג
איך באַפאַל,
און ער
הענגט די זון מיר אויפן ברוסט
ווי אַ גאָלדענעם מעדאַל.

זאָג נישט אויס

זײַ שטום מײַן האַרץ
זײַ שטום.
נישט רוף. נישט שרײַ.
תּהום און מידבר אומעטום.
ס'הערט נישט קיינער סײַ ווי סײַ.
יעדער איינער אין אַ פּיראַמיד
מיט ווענט, טויזנט יאָר די גרעב.
זײַ שטום מײַן האַרץ.
זײַ שטום.
ס'קריכט דער מולך
דאָ נישט ווײַט אַרום.
זאָג נישט אויס אים,
אַז איך לעב.
ווײַז נישט אָן אים,
וווּ איך בין.

אין שפּיטאָל

קײַקלען זיך טעג, ווי פֿאַרחתמעטע פֿעסער
באַרג אַרונטער צום טאָל,
שטעכן מײַן לײַב ווי שאַרפֿן פֿון מעסער,
פֿאַלן דורך פֿענצטער אַרײַן אין שפּיטאָל,
מיט קולות מעטאַלענע דומפּע,
פֿאַנגען מײַן בליק, מײַן טריבן אַמאָל,
קוקן מיר אָן זיך אייננאַנדער, פֿרעמד און מסופּק,
ביז נעכט מיט אָפֿענע מײַלער און גאָלדענע ציין
זיי כאַפּן בײַם האַלדז און פֿאַרצוקן.

כ'האָב הײַנט דעם מילך־טײַך אויסגעטרונקען,
נאָר דעם דורשט אין מײַן מידבר נישט פֿאַרלאָשן.
קעמל־קאַראַוואַנען גייען באַלאָדענע שווער איבער מיר,
און לאָזן אַ הייסן זאַמדיקן שליאַך אויף מײַן גוף.
אַ רעגן מיט נאָדלען שפּיזיקע טריפֿט נאָכאַנאַנד
און רינט אין ברוסט מיר אַרײַן,
ווי אין אַ הויז מיט אַ לעכערדיקן דאַך.

אָ, ווייטיקן, איר גייט אין מיר צו קינד.
איר וואַקסט אין מיר, איר שפּרייט זיך און מערט.
ווי וואַלפֿישן שטעכיקע איר שווימט אין מיר אַרום.

אָ, טעג מײַנע, בלעכענע, ברומענדיקע פֿעסער
איך קײַקל זיך צוזאַמען מיט אײַך,
אַהין, וווּ נעכט ווערן טיפֿער, טויבער, גרעסער
און אַלע פּײַנען און געוויינען
ווי שטערן עקספּלאָדירן און פֿאַרגייען.

*

געלע, שלאָפּלאָזע נעכט מיט מײַלער פון קאַרבאָל
קריכן פאַרטײַעט אַרײַן אין שפּיטאָל.
סודותדיק שטרענג מיט שאַרף פון לאַנצעטן
לייגן זיך אויס אויף די בעטן.
אויף שטיינערנע דילן מיט שאָטנס פאַרשריבן
שוואַרצע סאָוועס זיבן
שטריקן. וועבן בערג מיט לײַן.
איך קײַקל זיך אין זיי
ווי אויף פעלדער ענדלאָזע מיט שניי.
ווײַסער לײַן, קאַלטער לײַן,
זאָג פאַר וועמען וועסטו זײַן?

געלע נעכט אין שטײַפע, שורשיקע כאַלאַטן
הוידען זיך אויף לעמפּלעך פון פאַסאַדן.
זקנים נײַן, צעאַקערטע פון יאָרן
קלאַפּן טשוועקעס אין אַן אָרון,
נאָר איינער — ווײ איז מיר און ווינד —
פון די זיידעס איז גאָר בלינד.
אוי דו זקן, בלינדער זקן,
גאַנצע נעכט ביז די פאַרטאָגן,
מיט דײַן האַמער, מיטן שווערן
האַקסטו טשוועקעס אין מײַן שטערן!

סיווע נעכט מיט פאַרטײַעטע גענג
קוקן אויף מיר שטראָפנדיק, שטרענג.
שוואַנען צוויי גיסן רויטן ווײַן
לאַנגזאַם אין די וועגעס מיר אַרײַן.
ווײַסע שוואַנען, ווער פון אײַך
מײַן שאָטן וועט צעשערן,
ער זאָל נישט שיכּור ווערן?

הינקענדיקע נעכט מיט שווערן באַלאָד.
קווייטן געקרייצטע אויף שטענגלעך פון דראָט.
רויטע, ווײַסע, פורפורנע פעטאַלן
פאַלן. פאַלן. פאַלן.
ווי טיף זײַנען תּהומען? ווי ברייט זײַנען ריפן?
איז יעדער דנאָ אַ טיר נאָר צו נײַע ענדלאָזע טיפן?
באַרג אַראָפּ. באַרג אַראָפּ. באַרג אַראָפּ.
די צײַט אַליין אונטער מיר שטעלט זיך אָפּ.
פון שטימעס איך הער נאָר אַ ווײַטן וויבריר,
ווי עכאָס פון טענער אין בויך פון קלאַוויר.
אַ שוואַרצע קאַמיליע מיט ריחות פון ערד
די קישן צוקאָפּנס מיר ווערט.
כוואַליעס נאַכט. גרודעס רו.
דעקט מיך צו. דעקט מיך צו.
אויפן דנאָ פון אַלע סופן,
איך וויל שלאָפן. שלאָפן. שלאָפן.

*

מײַן בעט —
אַ פרעמדער, איינזאַמער פּלאַנעט
אין מיטן רוים,
צווישן וואָלקנס, נעפּלען און געדיכטן שוואַרצן שוים.
וויגט זיך שיכּורדיק, דרייט.
מײַן מויל מיט ווייטיק פאַרנייט.
לײַב ווי פעלד מיט נאָדלען צעאַקערט און צעגראָבן.
איבער מיר — מחנות קרײַזנדיקע ראָבן
הויערן נידעריק אום אין אַ ראָד.
הענט מײַנע — זאַנגען מיט זאָט,
רײַפע צום שניט. גרייט צום געדרעש.
אַ ווינטל דאָס ליכט אין אויג מיר פאַרלעשט
און וואָיענדיק יאָגט זיך אין נאַכט־קאָרידאָרן
פון פאַרנעפּלטן זכּרון.

באַנען פינצטערע, וואַגאָן נאָך וואַגאָן,
גייען אָפּ. קומען אָן.
קיין קול. קיין טריט. קיין מענטשלעך געשטאַלט.
מיט פינגער פּראָסטיקע אַ ווינט מיך באַפאַלט,
טירן צעעפנט מיט וויסטן געסקריפּ.
ווי ליב ס'וואָלט אַ בליק פון אַ נאָענטן געווען, ווי ליב!
מיר דאַכט אַלע זינד
פאַרגעבן כ'וואָלט קענען אַצינד.

אַ קינדעריש געוויין. אַ לעצטער דיאַלאָג
מישן צונויף זיך בײַם ראַנד פון פאַרטאָג.
ציט מיך אַהין און צוריק,
פון שוואַרצער מאַגנאָליע צו מאַמעשן וויג.
בין איך אַליין דאָס קינדערש געוויין?
ווינטן בלוי,
ווינטן גרין,
מורמלען אין אויער סודותדיק, דין:
„דו פאָרסט אַוועק,
דו פאָרסט אַהין — —
צום ברעג פון אַלע ברעגן.
דײַן גוף זײַן וועט דײַן פּאַספּאָרט.
צעשייד מיט אַלץ זיך און געזעגן“.

מײַן בעט — אַ פרעמדער, פאַרגעסענער פּלאַנעט,
מיט ווענט פון גראָז, מיט דאַך פון שטיין —
ווײַט, ווײַט פון זיך אַליין.
אָ, לעבן, ווי ביטער מיר דײַן כּוס,
דאָך,
איין טראָפּן, איינעם נאָך
מיר טרינקען לאָז,

איין רגע בלויז נאָך זיצן אויף דײַן באַן,
איין גרעזל נאָך אַ גלעט טאָן נאָך אַ מאָל
און דאַן — —
וואָס זײַן באַדאַרף — זאָל!

דערוואַכונג

אויף די שויבן פון שפּיטאָל
שלײַכן לעצטע שאָטנס פון דער נאַכט.
אַ בראָנדזענער באַגין מיט מאַסטן פון קרישטאָל
שווימט פון רוים צעכוואַליעטן אַרויס,
לאָזט די אַנקערס אַראָפּ,
דעם שטריקלייטער אויף אָקסנאויג, רויטן פאַרוואַרפט.
ערגעץ ווײַט
הענגט מען אויפן הימל פריש געפּאַרבטע ראָלן זײַד.
אַ שער אַ זילבערנע ראָל נאָך ראָל
אויף פּאַסן לאַנגע זיי צעשערט
און שלײַדערט צו דער ערד.

אַ גאַנצע נאַכט
דעם שליסל־קלאַנג פון שלאָקסן כ'האָב געהערט.
ס'האָט דער וואַסער־ווינט זײַן זאָט אין פינצטערניש געזייט,
ווען מאָרגן נײַע רעגנס וואַקסן.
נאָר אין מײַן לײַב טריפט נאָך אַלץ און טריפט
פון נעכטן־רעגנס דער פאַרבלײַב.

מיר דאַכט אַצינד, איך בין די ערד
מיט אײַז צעגאַנגענעם אין זיך,
קוואַלן שטילע, אונטערערדישע גיסן זיך צונויף,
וואָרצלען פאַרטריקנטע, דאַרע, וועקן פון דרימל זיך אויף,
ציִען זיך, הויבן און שפּאַרן פון מיר מיט זאַפטן נײַע אַרויס.
סנאָפּעס זוניקע אין גאָלדענעם צעבינד,
נאַרציסן־וויג מיט פייגל־צוויץ און בלאַט־געפּליעסק,
אייביקייט אין זוניק, זאַנגיקן געדרעש,
איך בין אַ פּינטל פון דײַן אויג,
און דאָך, אַן אייביקייט איך בין אַליין אַצינד.

אויף די ברעגן פון מײַן האַרצן,
זינגען מיידלעך יונג־פּאַרליבטע בײַם געוועש,
אין מײַנע אויגן פירן פּאַסטעכער טשערעדעס צום פעלד.

גוטמאָרגן דיר, בראָנדזענער, יונגער אינדערפרי
מיט אויפגעוואַכטן שטאָטישן געליאַרעם,
מיט טריט מיליאָניקע, ווי וואַסערפאַלן פרישע אויפן ברוק,
וואָס טראָגן שוין דעם שווייס און מי
צום שפּע־פּאָרט פון לעבן.
אָ, איר אויגן ערלעכע,
ווי ווערבע, אַ פאַרליבטע אין טײַך
איך שפּיגל זיך אין אײַך.

דאָקטער

נישט דאָס האַרץ טוט וויי — ניין.
דער פֿאַרבלוטיקטער באַגין.
דאָס אָפֿענע אויג פֿון דער נאַכט.
דער געשריי
אויפֿן אינדזל פֿון שטיין,
די געלע שפּין
וואָס האָט מיט שפּינוועבס די טעג אַרומגעוועבט.
דאָס שווייַגן
וואָס פּלאַצט ווי אַ בעכער אויף מייַן שויב.
די דריק־מאַשין
וואָס האָט מייַן האַרץ ווי אַ טרויב
אַרייַנגעשלעפּט אין אירע ציין.
דער ווינט פֿון טויטן פֿאָרט
וואָס האָט אויף מייַנע ווענעס
ווי אויף שטריק זיך אויפֿגעהאַנגען.
דער ברענענדיקער טייַך,
וואָס האָט דאָס אַש פֿון מייַן דור
אין בלוט מייַנס אָפּגעשטעלט.
די רויכן פֿון געווייסן,
וואָס וואַקסן אין מייַן ברוסט
ווי שוואַרצע זאַנגען.
נישט דאָס האַרץ טוט וויי,
דאָקטער
נאָר זיי. זיי.

דער וועקזייגער

ווי אַ פּאַרמשפּטער אין תּפֿיסה־צעל אַליין,
ער גייט אין מיר אַרום.
מיט שטירדעס ער קלאַפּט,
אין קלומפּעס הילצערנע בײַ טאָג,
און מיט דבקות ער שאַרט זיך
אין שלוכעס וואָלענע בײַ נאַכט.
ווי פּאַרשפּאַרטע דורך די ווענט
מיר ריידן צווישן זיך
שוין יאָרן לאַנג.
איך לייען ווי אותיות זײַנע טריט.
איך ווייס דעם מקור און באַדײַט
פון יעדן קלאַנג.
נאָך האַלבע נאַכט,
ווען ענג אים ווערט
אין רונדן ראָד בלינדערהייט אַרומצוגיין,
אויף שפּיצן־פינגער זיך ער שטעלט,
די דאַרע הענט אין פינצטערניש ער ציט,
דורך שפּאַלט
אַ גלעט צו טאָן דאָס פּנים פון דער וועלט.
פאַר טאָג,
ווי דעם גזר פון זײַן גורל
ער וואָלט פּלוצים זיך דערוווּסט,
אַ שיגעון אים באַפאַלט,
מיט געוויין, ווי רעגן אויף אַ שויב,
ער שלאָגט, שטויסט, שפּאַרט,
בײַסט די גראַטעס מיט די ציין
און רײַסט זיך אַרויסצושפּרינגען פון מײַן ברוסט.

זיי האָבן געקרוינט אים

זיי האָבן געקרוינט אים,
געזאַלבט אים,
באַלוינט אים.
פאַר יעדער וווּנד,
פון זײַנע צעפּיקטע, צעשאָרענע יאָרן,
זיי האָבן אַ רויז
געלייגט אויף זײַן אָרון.
פון רייד און רויזן געוואָרן איז אַ באַרג.
קיין בלום, קיין לויב, ס'האָט מער קיינער נישט געקאַרגט.
אַלץ וואָס אים געהערט,
זיי האָבן הײַנט אים אומגעקערט.
נאָר ער איז אַלץ געשלאָפן, און פאַר דעם ערלעכסטן געשאַנק,
זאָגן זיי אַפילו נישט געקענט קיין דאַנק.
מיט מעדאַלן מען האָט באַצירט אים.
מיט טרויער־מאַרשן צו זײַן לעצטער רו געפירט אים,
נאָר ווען צום ראַנד מען איז געקומען,
אויף פּנים זײַנס געפאַלן אַ טרער איז פון אַ שטומען,
און ער וואָס טיף אַזוי ער איז געשלאָפן,
די אויגן האָט געעפנט מיט אַ מאָל, פון אָרון אַרויס,
דאָס האַרץ זײַנס
אַ וואָרף געטאָן אים, ווי אַ רויז
און אַלע זײַנען זיך צעלאָפן.

אלול

אויסגעפליקט און דאַר — מײַן קאַלענדאַר.
בלאַט נאָך בלאַט, ווי ווײַסע פעטאַלן אין ווינט
פאַרשווינדן אויפן שליאַך.
אַנטקעגן אַלע זײַטן אָפענע — אַליין,
ווי פאַרן מאַט, דער קעניג שאַך.
איך ווייס, כ׳דאַרף נאָך עפעס טאָן,
איידער פאַטשן וועט אַ וויוגע
די לבנה אויף מײַן דאַך,
איידער צערײַסן דעם קאַיאָר מיט די ציין,
ווי וואָלף אַ שוואַרצער וועט די נאַכט.
איך ווייס, כ׳דאַרף נאָך עפעס טאָן,
איידער דער שוואַרצער האָגל
דרעשן וועט דעם רויטן מאָן
און וואַקסן וועט דער שלאָף
ווי אַ שוואָם אויף מײַן געביין.

ווינטן

אַ ווילדער ווינטן־וואַלד — איך בין
מיט וואָרצלען פֿון ווירוואַרן.
וואַקסן זײ אין מיר
און מײַן ברוסט צעשפּאַרן.
כ׳בין דער זון נאָכגעפֿאָרן,
נאָר די פֿרילינגס אויסגעמיטן,
ווו געגנעכטיקט נישט געטאָגט,
ווו געזייט נישט געשניטן.
ווי דער נאַכט נישט באַשערט
דעם באַגין צו דעריאָגן.
אויב מיך רופֿן וועט די ערד,
איידער נאָך ס׳וועט טאָגן,
וועט איר ברידערלעך צום אָרון
מוזן מיך פֿאַרשרויפֿן,
איך זאָל אין מיטן נאַכט
פֿון קבר נישט אַנטלויפֿן.

בלויער פערד

בלויער, בליצנדיקער פערד,
גאַלאָפּ גאַלאָפּ!
נעכט ווי שוואַרצע גריבער,
טעג ווי לאַווע־טײַכן
שפּרינג אַריבער,
נאָר וואַרף מיך נישט אַראָפּ.
ס'איז לאַנג די נאַכט.
שטערן אויסגעלאָשן.
ווינטן צעפלאָכטענע — די לייצעס.
די שפּאָרן, פאַרלאָרן.
אַ זאַק מיט אַש — מײַן חלום,
פאַרברענטער אויף די פּלייצעס.
דאָס מויל פון ווײַסן וואָרט,
מיט אויסגעהאַקטע ציין.
בלויער, בליצנדיקער פערד,
יאָג זיך, יאָג. דורך פײַער און דורך שווערד
זעץ מיט פּאָדקעווע אין שטיין,
זאָלן דײַנע פונקען אין דער נאַכט
ווי שטערן לײַכטן אויף דער ערד.

מײַן האַרץ פֿאַר זײ אַ שענק

מײַן האַרץ פֿאַר זײ — אַ שענק.
טיר און טויער אָפֿן.
אויך זײ —
די צויג,
די שעלמע,
און דער שאָלאָפּײ,
שאַרן זיך אין שאָפּן־פּעל
אַהין אַרײַן
לאָזן שאָטן אויפֿן שוועל
און נאַרן אויס מײַן ווײַן.
מײַן האַרץ — אַ שענק,
פֿאַר די וואָס שעלטן מיר,
פֿאַר די וואָס בענטשן,
און אין בלוט —
די אַלטע קרענק —
די ליבע צו דעם מענטשן.

כ׳וועל נעמען מײַן זון־פּלאַט

כ׳וועל נעמען מײַן זון־פּלאַט —
די ספּאָרן פון ערשטע צעקאָרקטע גלעלעכטערס,
די פּאָטאַן־טײַכן צעציטערטע אין אויגן פון פאַרליבטע,
די בתולה־טרוימען — פראָפּעלערס געהיימע, פאַרהילטע
אונטער וויַעס פון טאָג־טעגלעכע פּראָסטע באַגערן,
מיט הונגערס און דורשטן קיין מאָל געשטילטע,
וואָס שווימען ווי טויכער אַרום אין די ווענעס
און זוכן און טאַפּן די וועגן צו קרישקעלעך גליק,
די מילי־מיליאַסן פאַרבאָרגענע, דינע אַנטענעס,
דעם ראַדאַר פון זיי איך וועל נעמען
און גיין קעגן יִיאוש אין קריג.

כ׳וועל נעמען די שטראַלן פון רײַפע, דערפאַרענע יאָרן,
וואָס זײַנען דורך באַרג־ריפּן טיפע, דורך וועלדער
געדיכטע געגאַנגען
און קיין מאָל דעם וועג נישט פאַרלאָרן,
פון טעג נישט געבאָרענע, וואָס וואַרטן אין טראַכטן פון צײַט,
דעם סוד איך וועל נעמען די ווונדן צו היילן
און טיף אין זיך כ׳וועל באַהאַלטן,
ווי דער בוים זײַן צווײַט אין ווינטערס אין גרויע
און גיין אין שלאַכט קעגן טרויער
ער זאָל נישט דורך שפּאַלטן פון בטחונס צעפּלאַצטע
אין האַרץ מיר אַרײַן,
אַז נאָך יעטווידן שטורעם
ווי אין פרילינג דער בוים, יונג אויף ס׳נײַ איך זאָל זײַן.

עס בענקט אַ מענטש

ווי שיף אויף ים צעשטורעמטן צום פּאָרט,
עס בענקט אַ יעדער מענטש נאָך אַ מענטשלעך וואָרט
וואָס זאָגט דעם פרילינג אָן אין מיטן פון זאַווײ,
ווי שליסל־בלום די ערשטע אין דעם שניי,
מיט וואָרצלען טיף פאַרבונדן צו דער ערד,
מיט זאַפטן אוראַלטע געפורעמט און גענערט.
אַ וואָרט וואָס שמעקט מיט ברויט, מיט היים, מיט רו,
וואָס בינדט צום לעבן דיך מיט שנורן כּישופדיקע צו,
און ווייען און ווונדן דײַנע אַלע דו פאַרגעסט,
זיך אַליין אויף ס׳נײַ מיט אויגן יונגע, פריש דערזעסט,
נאָענט די וועלט דיר ווערט, ווי אויף לײַב דײַן העמד,
און ביסט אין ערגעץ מער נישט עלנט, מער נישט פרעמד.

ווי איבער טײַכן יעדע באַן עס דאַרף אַ בריק,
אַזוי דער מענטש עס דאַרף דעם ליכט־שטראַל פון אַ בליק,
דעם תּהום דעם טיפן פון טאָג אַ יעדן דורכצושפּאַנען,
עס זאָל דער צוויט אין דיר פריצײַטיק נישט פאַרוויאַנען.
אַ בליק וואָס גלײַכט דיך אויס, דרינגט אין טיפעניש אַרײַן,
דעם אײַז אין דיר צעשמעלצט, בענטשט די פּירות פון דײַן זײַן,
און קערט צוריק דיר אום, אַלץ וואָס לאַנג דו האָסט פאַרלאָרן שוין.
אַ בליק וואָס זאָגט דיר: גיי און זײַ אין ערגעץ נישט קיין גאַסט,
זאָל אייגן ווערן דיר אַ פרעמדנס פרייד, אַ פרעמדנס לאַסט.
פון ברוסט דעם שטיין רוק אָפּ און לאָז דעם פראָסט אַרויס פון דאָרט,
זאָגן קענען זאָלסטו אויך אַ מענטשלעך וואָרט.

די שׂונאים אַ דאַנק

איך האָב געזען אַמאָל אַ פרוי
בײַם ים, דערטרינקען װערן.
אײַנגעשלאָפן ז׳איז אויף זאַמד.
אַ כװאַליע געטאָן דעם ברעג
עס האָט אַ שװענק,
אַ קרײַז אַ שוימיקן געלאָזן און אַװעק.
אַ פּאַסמע בלאָנדע האָר.
אַ האַנט־געפּאָך, אַ בלײַכן,
װי דאָס פאַלן פון אַ שטערן
איך געדענק.
אַ הויכע װאַנט מיט בלוי.
אַ װײַסע װאַסער־מויל
אַראָפּגעשלונגען האָט אַ פרוי.
געדויערט ס׳האָט אַ רגע נאָר.
אַן אויגנבליק. אַ קרײַז אַ ראָזעװער, אַ רונדער.
און איך טרינק זיך שוין אַזוי פיל יאָר
און גיי נאָך אַלץ נישט אונטער.
אויב פרעגן װער מיר זאָל:
„װי אַזוי דער כװאַליע —
אָפּגענאַרט דו האָסט איר?"
װייס איך נישט גענוי.
זאָגן נאָר איך קען אים,
נישט די פרײַנד — אַ דאַנק,
נאָר די שׂונאים —
אײַנשלאָפן זיי האָבן נישט געלאָזט מיר.

לאַכן קען אַ מענטש דאָך בלויז

צו די ברעגן פון מײַן פּאָרט, טעג ווי שיפן גייען אָפּ און קומען אָן.
אין די גערטנער פון פאַרגעסונג איך שנײַד אַראָפּ די ערשטע רויז,
בײַ אַן עופּעלע אין וויג אַ שמייכל איך לערן זיך ווידער צו טאָן.
דעם ווייטיק־קנויל אין האַלדז איך וויקל שווײַגנדיק אַרויס.
די טרויבן פון טרויער ווי מאָך פון זיך איך שאַר אַראָפּ,
נישט זײַן זײַן פּאַר אים מײַן גוף זאָל הפקרדיקע, אויסגעפּוצטע הויז.
מײַן זכּרון ווי אַן אַלטן, פאַרגעסענעם בית־עולם איך צעאַקער און צעגראָב.
אַלץ וואָס באַווײַנט און פאַרזיגלט פון לאַנג שוין ס'איז געוואָרן,
ווי זכרס הייליקע איך קלײַב צונויף אין מיטן נאַכט בײַם שײַן פון שטערן
און לאָז אין ים פון צײַט זיי אין גרונטלאָזן אַרונטער ווי אַן אָרון.
די אויגן איך פאַרמאַך. נישטאָ שוין מער, נישטאָ אין זיי קיין טרערן.
דורך שויב פון נאַכט איך קוק אַרויס און שטראַל דעם ערשטן טרינק,
ביז שמייכל דינער אויף מײַן פּנים לאַנגזאַם זיך באַווײַזט
און באַלד צוריק ווי טוי־טראָפּן אין זאַמדן הייסע עס פאַרזינקט.
דער בוים פון בראָך וואָס האָט דורך יאָרן מיך גענעסטלט און געשפּײַזט,
ווי בלאַט אַ געלבלעכע אין האַרבסט צום פאַלן גרייט מיך שוין.
די ערשטע ווינט־בלומען אין מידבר פון מײַן דור איך קלײַב צונויף
און פלעכט זיי אויף מײַן קאָפּ אויס ווי אַ קרוין.
מײַן אָטעם פאַרעקשנטן צום לעבן איך הויב אויף,
און ס'ענטפערט פון טיפן אַ שטימע מיר ציטערדיק, שוואַך:
„דאָס מויל מיט הענט דײַנע צעעפן, דעם טרויער צעברעקל און צעטרעט
און לערן זיך אויף ס'נײַ צו טאָן אַ שמייכל און אַ לאַך,
זאָל זען די וועלט ס'קען לאַכן נאָך אַ יידישער פּאָעט.
ס'וועלן מאָרגן־ווינטן ווי טרובאַדורן דײַן ניגון זינגען אין די הויפן,
און קינדער בלומען אויף דײַן קבר וועלן לייגן, זינד פון זיידעס אויסצוקויפן.
ווי וואָרעם פון אַן עפּל זאַפטיקן דײַן צער אַצינד שפּײַ אויס,
און לאַך, ווײַל לאַכן ס'קען אַ מענטש דאָך בלויז"!

זין אַ שטאָל־פאַבריק

אַ צעשטורעמטער וואַלד מיט לאַנגע צעבליצטע אַלייען.
נעלדזן מיט דונערס פאַרשפאַרטע אין טראַכט.
טענץ פון מעטאַלן.
ייַערפאַלן.
עפאַנגענע ווינטן אין ווייען.
קאָלאָסן אוראַלטע אין געהיימען געלאַף.
וועלטן נייַע בייַם ראַנד פון באַשאַף.

בייַ אויוונס צעעפנטע שמאָלע, ווי טירן פון חיהשע שטייַגן,
געשטאַלטן האַלב נאַקעט מיט שווייסיקע ברוסטן,
קעפּ אין טוכן נאַסע פאַרהילט,
די אויגן מיטברילן שוואַרצע,
שטעקנס לאַנגע אין הענט,
מישן און מישן די כוואַליעס צעשמאָלצענע שטערן,
ביז טשערעדעס גאָלדענע ווערן,
ביז מיט וואָלקנס פּורפּורנע רויטע די סטעליע באַדעקט זיך,
ווי די זון דאָרט פון שלאָף וואָלט געוועקט זיך.

אויבן — אַ מיידל מיט ווינטל פאַרנאַכטיקס אין בליק,
אויף אַקסלען די צעפּ ווי טייַכן צוויי פליסן אַרונטער,
אין אַ קליינער פאַרמאַכטער קאַבינע
דאָס האַרץ פון פאַבריק
זי האַלט אין פינגער זייַדענע דינע
און מיט יעטווידן דריק
דעם שטורעם אין וואַלד זי פירט הין און קריק.

וואַלץ־געשטעלן, הויב־מאַשינען, קראַנען און טורבינען,
קראַטערס מיט הויטן פאַרטריקנטע ברוינע,
שטיגן געשלענגלטע רונדע,

טיגלען פאַרקלאַמערטע שטומע, פײַערפעסטן און ווענטילן
אין פאַרמעסטן,
איינער נאָך צווייטן זיך יאָגן,
ווי אַ האַרץ ס'וואָלט אין יעדן געשלאָגן.

יאַגואַרן אײַזערנע ברייטע מיט הונגער פון דורות
שטאָלבויגנס ריזיקע שלינגען
און זונען נײַע געבערן.
שטאָל!
שטאָל!
שטאָל!
רעדער, רערן און מאָטאָרן,
פאַר דעם מידבר
און דעם טאָל,
פאַר די דאַמבעס,
פאַר די בריקן,
פאַר די היימען, פאַר די וויגן,
פאַר דעם לייטער צו די שטערן,
אַז ליכטיק
זאָל אומעטום ווערן!

„לאַ קאָרידאַ"

שטאַרקער בוהײַ, ווילדער בוהײַ!
די גבורה בײַם הייליקן אַפּיס אַנטלײַ,
דעם צאָרן בײַם גאָט פון אכזריות פאַרשלינג,
דעם ים־ווינט אויף זיך ווי פליגל טו אָן,
ווי ליכט־שטראַלן גיך
דריי זיך, הויב זיך, שפּרינג
אין דעם רינג,
טאַנץ דעם טאַנץ פון טויט,
שלאָג נאָך אַנאַנד
ביז לעצטיקן ראַנד,
בריל, ברום,
שטומער־צונג
שפּריצן מיט פונקען
זאָל יעטווידער שפּרונג.
ווי רויכן צוויי בלויע די הערנער צעלאָז
און היט,
און וואַך,
קיין בלוט זאָל אויף שטיין זיך נישט טאָן קיין צעגאָס!
יונגער בוהײַ!
נאָך יעדן פאַל
הויב אויף זיך אויף ס'נײַ,
און ראַנגל זיך ווידער
אין טײַוולשן קרײַז,
נאָך אַ מאָל זיי
דײַן גבורה באַווײַז,
קיין רחמים נישט זוך,
נישט וואַרט אויף קיין גנאָד —
אונטער דיינינקן טוך
די שפּיז איז פאַרהילט.

מיט יעטווידן טראָט,
און יעטווידן פּאָד,
דעם לעצטן שטאָך
אין ברוסט דײַנער צילט.

שוואַרצער בוהײַ,
נאָך יעטווידער ווונד פאַרעקשנטער זײַ.
דײַן מאַמע
געווען איז אַ הילפלאָזע קו,
געבוירן זי האָט דיך אויף שטרוי אין אַ שטאַל,
דעם האַלדז געהאַלטן
פאַר שאַרף פון קינזשאַל,
און מײַנע —
אַ טויב געווען איז אַ שטילע,
דעם שעכטער באַגעגנט זי האָט מיט אַ תּפילה,
ביז לעצטער מינוט,
ווען רויט שוין דער טאָג געווען פון איר בלוט
און בליק אירס אין ווײַטן
געווען שוין פאַרשטאַרט,
אויף אַ נס
זי האָט אַלץ נאָך געוואַרט.
נאָר איך, בין ווי דו,
פאַרעקשנט און בייז.
אין שטיינערנעם רינג
איך הויב זיך און שפּרינג.
נאָך יעטווידן שטאָך
איך ראַנגל זיך נאָך.
אַ שטאָך איז מײַן טרער.
איך ווייס:
ס'איז ער אָדער איך.
ס'איז איך אָדער ער.

אַלע ברעגן ווילן רו

מזרח, מערב, דרום, צפון,
אַלע שטעט און דערפער שלאָפן.
אַלטע בערג אויף ברעגן ליגן
און דעם ים, דעם בלויען וויגן.

איַ לו, לו, לו, איַ, לו, לו
אַלע ברעגן ווילן רו.

ניס, מאַנאָקאָ, מאַנטאָן, ביאָט
דרעמלען ווײַסע אין אַ ראָד,
נאָר ריוויעראַס מזל־מאַרק
ווינקט און רופט צו זיי פון באַרג.

רונדע בריקן — פערל־שנורן,
ווילדע, פעלדזיקע קאָנטורן,
ווײַסע טעמפלען, שוואַרצע שוועלן
שפיגלען זיך אין קלאָרע וועלן.

שלאַנקע פאַלמעס ווי זשיראַפן,
שלײַכן שאָטנס אויפן האַפן.
אויף די שווערע שפיזן־בלעטער
ליגט נאָך שטויב פון אַלטע געטער.

רויטע לבנה — — לאָגל ווײַן,
קום איך וועל דײַן בעכער זײַן!
אַלע ווײַנען פון די גיטער
וועלן טרינקען מײַנע ברידער.

ערגעץ פֿאַלן שטערן ווידער.
ס'לעקט די שטילקייט מײַנע גלידער,
און פֿון ים אַ ווינט אַ פֿרישער
ברענגט אַ ליד מיר פֿון אַ פֿישער.

גייען צוויי מיט איין שאָטן
האַלבע נאַכט צום ים זיך באָדן.
צוגעטוליעט איינס צום צווייטן
און די לבֿנה צווישן ביידן.

איַ לו, לו, לו, איַ לו, לו
אַלע ברעגן ווילן רו.

נאָר דער ים ער קען נישט שלאָפֿן,
ווען ער וויל ער הײַנט באַשטראָפֿן?
אוי דו ים, שטילער שטיל,
וואָס טויג ברומען אָן אַ ציל?

איַ לו, לו, לו, איַ לו, לו
אַלע שטעט און דערפֿער ווילן רו.

אַ שלום־קאַרנאַוואַל

עס בליט די אַלטע שטאָט אין מיטן האַרבסט.
אויף ביימער און באַלקאָנען — שלום־פּאָנען.
טיר און פענצטער אָפן אין אַרבעטער־קוואַרטאַלן.
פון פרידן רעדט אַ הויז היינט מיט אַ הויז.
ווער ס'קען נאָר גיין,
חתמעט אויף גאַסן מיט די פיס,
שרייבט מיט בליקן שלום אויף די שויבן.

אַ הויכער טאָג מיט אַ שיסל פייער אויפן קאָפּ
בויגט זיך לאַנגזאַם צו דער ערד אַראָפּ.
אַ מענטשן־טייַך אין מיטן שטאָט —
אַ זינגענדיקע פרידלעכע אַרמיי.
קווייטן, געזאַנג אַנשטאָט געווער.
אַ ווייסער טויבן־געפלאַטער איבער זיי.
פון לענדער ווייטע מיט חתימות־ראָלן
געקומען זיינען זיי אַהער,
ווי זייער אויף די פעלדער נאָכן שניט
זיי טאַנצן אין דעם סקווער.

שטייט אויף בערג, רוקט אָפּ זיך פון די וועגן,
און מיט ווייַן־גערטנער אויף די אַקסלען,
די זין און טעכטער גייט אַנטקעגן.

קום ים, דו מיטללענדישער, אַלטער עדות
פון בר כוכבאס אין קייטן געפירטע צו די מערק,
פון אורזיידעס געבייטשטע,
וואָס האָבן מיט בלוט דיינע וועלן געפאַרבט,
קער אום צוריק זיך צו די ברעגן
און וואַש דעם שטויב אויף פון שפּרייזנדיקע פיס אַראָפּ.

און איר פּאַרמישפּטע וואָס לויערן איבער ווענעס פון דער וועלט
ווי שיכּורים איבער פּאַרמאַכטע פעסער ווייַן
און ווילט, לעצטער מאָלצײַט זאָל
גרעסטער אין געשיכטע זײַן —
זעט,
זין פון טשילי, שפּאַניע און סורינאַם
נעמען ווי ברידער זיך אַרום.
הערט, הערט,
עס רעדט אַ פויער פון וואַלערעז
מיט אַרבעטער פון וויעטנאַם,
זייער שפּראַך — די מאַרסעלעז.

הערט
די לידער פון מאַטראָסן אין די פּאָרטן
אין קאָבאַנג און באָמביי:
„מיר וועלן קיין אַרבעטער נישט מאָרדן,
אַרבעטער מיר זײַנען פּונקט ווי זיי,
אין שלום מיר ווילן לעבן אויף דער ערד,
פון אײַזן און פון שרויט, טראַקטאָרס שמידן,
קיין מאָל מער נישט ווערן זאָל צעשטערט,
אַלץ וואָס הענט פון אַרבעטער האָבן געבויט".

זעט:
עס גייט אַ ייִדישער יוגנט באַטאַליאָן,
ערד פון פּאַרטיזאַנען־קברים,
אַש פון דאַכאַו און טרעבלינקע
זיי טראָגן אין די הענט.
איטאַליעס טעכטער אין ווײַסן אָנגעטאָן
טאַנצנדיקע גייען.
שטרייקערס געפאַלן אין די שלאַכטן פון מילאַן,
גייען אויף די אַקסלען פון אַ יונגען פּאַרטיזאַן,

אַ יונגע מחנה גייט
מיטביימער גרינע, אַנשטאָט פאָנען,
עס גייט אַ וואַלד צו איינך מיט ריזן,
ווי צו די מערדער צוויי — מאַקבעט!
ווייַסע טויבן האָבן רויטן בלוט אין ווענעס,
צאַרטע רויזן האָבן שפּיזן.

זינגער פון דאָרשטיקער ערד

לזכרון אברהם שלאָנסקי

אַ זאַנפטער פרילינג פרימאָרגן איז אויפגעגאַנגען
אין די ציין פון טויט.
די נאַכט האָט בײַ אברהמען זײַן אָטעם צוגעגנבעט.
פאַרשווּנדן אין די אֶין־סופיקע קאָרידאָרן.
די זון האָט מיט געלע, ביינערדיקע פינגער, די וויסטע בשׂורה
אויף שויבן געחתמעט.
אַ טאָג האָט מיט פאַרגלײַזטע, ליידיקע אויגן
אין שטאָט אַרײַנגעגלאָצט.
שורות פון נישט פאַרענדיקטע לידער
זײַנען ווי פאַרווּנדעטע פייגל אויף דעכער געפאַלן.

פאַרשווּנדן אין אֶין־סופיקע קאָרידאָרן.
זײַן ניגון — אַ חלום אַ יונגן,
אין אַ וויגל אַ פאַרבלוטיקטס,
די בלויע פאַסטעכער געלאָזט.
אַ חלום און אַ ניגון, פון פעלדער אָן היישעריקן,
פון מענטשן געאָרעמט,

פון גערטנער און סעדער אָן שלאַנגען.
פון טראָט חלוצישן איבער געגנבעטע גרענעצן
און ברענענדיקע מידבר־זאַמדן.
פון נאַכטיקן טוי
מיט בענקשאַפט צו מאַמעשע היימען,
פון ייִנגלשן עלנט אין האָראַס צעשטויסן.

אַ ניגון, וואָס האָט פון האָרביקער ערד
די קוואַלן גערופן.
מיט פיס אין די זומפּן און קעפּ צו די הייכן פאַרריסן.

פון איינזאַמע וועגן מיט שטיינער און לוחות בײַנאַנד
פון חלום געפּלאַסטערט.

„האשד פּרץ והציף רחובי...
הרמזורים כבו, שוא תּחכּי לאות״ *
— האָט געמורמלט אַ גאַס צו אַ גאַס
און אַ טיר מיט אַ טיר האָט געקלאָגט.
אָ, וועכטער פון דער לאַנגער נאַכט!
אַ, תמימותדיקער געוויסן פון אַ פאָלק,
צעקאַרבט, צערידלט פון אײַזערנע ריטער פון יאָרהונדערט.

ווי אַ קאָמעט מיט אַ ווײַסן שעוועליור
דו ביסט דורכגעפלויגן און אַ ברי געטאָן
די לאַנגע נאַכט פון אונדזער דור.

אָ, זינגער פון דאָרשטיקער ערד,
פון ערלעכער פּראַצע, פון זאַפטיקע פּירות,
פון שלום און ברידערלעכקייט
דער ים האָט אַ צעברומטער
דײַן נאָמען אויף סקאַלעס פאַרקריצט.
די ווינטן האָבן דײַן רום אין אַלע פיר זײַטן
פון וועלטרוים צעטראָגן.
בלעטער האָבן אויף ביימער פון דײַן ליבשאַפט
צום לאַנד און צום פאָלק זיך דערציילט.

אַברהם, האָסט דײַנע וויִעס אַראָפּגעלאָזט, דײַנע אויגן
פאַרמאַכט,
ווי שטענדיק, כּדי די מורא־וויזיעס צו פאַרטרײַבן
און צו מלכות פון שווײַגנדיקע שטערן צו דערגרייכן,

* דער גאַס פון וואַסערפאַל האָט מײַן גאַס פאַרפּלייצט...
ליכט־סיגנאַלן האָבן זיך פאַרלאָשן, אומזיסט וועסטו וואַרטן אויף אַ סימן.
(פון „ספר הסולמות״)

ווען ביטערע ספקות האָבן דײַן חב״דישע פרייד
אין נעצן געפֿאַנגען.

דער סוד פֿון דײַן אצילות — די צערטלענדיקע אויגן,
מיט בליץ און זעונג פֿון דורות,
קרישטאָלענע שפּיגלען פֿון געשליפֿענע פּײַנען —
רשעים געווײַכט האָבן פֿון זיי,
יונגע פּנימער זיך געוואַרעמט האָבן דאָרט.
דער ליכטיקער רינג אַרום דיר —
מאַגנעטיש געפֿישופּטער קרײַז
פֿאַר טומאה אומדורכדרינגלעך.

דעם פֿאַרסמאַליעטן שירעם פֿון פֿאַררויכערטע חלומות
האָסט מיטגענומען אברהם,
נאָר דײַן ניגון, ווי זריעה אַמאָל אויף דאָרשטיקע
פֿעלדער געלאָזט.
— און דאָס איז געווען אין דער נאַכט פֿון ט״ז אייר.
אין מירון האָבן זיי אַרום קבר פֿון ר׳ שמעון בר יוחאי
געטאַנצט
און דאָ האָבן קינדער די שטאָט אײַנגענומען.
שײַטערס אָנגעצונדן. שאָטנס פֿון דורות אין פֿרייליכע
פֿײַערן געברענט.

אָ, געליבטע קינדער פֿון אברהם, לאָמיר אײַנזאַמלען
די טרערן
און מיט זיי, ווי אויסטערס מיט פּערל, די וווּנדן
פֿאַרצערעווען.

לאָמיר אָנטאָן ווי פֿליגל זײַן ניגון
און אויף שליאַכן און גאַסן פֿון לאַנד
זײַן ליבשאַפֿט צום פֿאָלק צעטראָגן.

אונדזערע יאָרן

ענדלאָז און אייביק דער וואַלד איז פון צײַט.
ווי בלעטער עס פאַלן די יאָרן — אַ בלאַט נאָך אַ בלאַט.
שטיל און געהיים איינער דעם צווייטן פאַרבײַט
און לאָזט אויפן וועג נישט קיין שפור און קיין סליאַד.

מיר ציילן נישט, מעסטן נישט, זאַמלען קיין שׂכרן נישט אײַן,
פאַר אונדזערע גרויהאָריקע יאָרן וואָס גייען פאַרבײַ.
ווי טײַכן אין ימען, זיי פאַלן אין לעבן צעשוימטן אַרײַן
און ווערן אין אויג פון יעדן נצחון געבאָרן אויף ס'נײַ.

אונדזערע באָרוועסע, יונגע אין פײַערס געוואַלגערטע יאָרן,
שטיל און באַשיידן זיי וואַקסן ווי גראָז.
זיי קומען נישט צ'ריק ווי אויף בינעס נאָך שפּיל די אַקטיאָרן,
און קריגן פון קיינעם נישט קיין אַפּלאָז.

נישט מיט קיין ווײַן־כּוסות פינקלדיקע, פולע,
מיר האָבן בײַ יום־טוב טישן מיט פרייד זיי באַגעגנט.
ווי שאָטנס שולדיקע, זיי האָבן דורך געסלעך שיכּורע, דולע
באַגלייט אונדז און צען מאָל אויף ראָג זיך אַ יעדן געזעגנט.

דורך הייסע בלײַענע ווינטן, דורך וויסטן פאַרטײַעטן לויער,
דורך לבנות פאַרשעמטע און געמינעטע פרעמדע פאַרטאָגן,
מיר האָבן פאַרבאָרגענערהייט זיי ווי פּירות טערפיקע, רויע
מיט חלומות בײַנאַנד אין רוקזעק אַלטע געטראָגן.

מיט זודיקע ברוסטן זיי זײַנען אין שלאַכטן געגאַנגען.
אין גריבער, אין זומפּן געשאַרט זיך דורך נעכט אויפן בויך,
מיט בלוט און שווייס די פײַערס געלאָשן, אויף תּליות געהאַנגען
און טראָגן אין הערצער פון טרוימען פאַרברענטע דעם רויך.

מיט העלדן פון קינדער ביז זיידעס ס'איז רײַך אונדזער דור.
מיט לידער דערשאָסענע יונגע ס'יוירט נאָך און צאַפּלט די ערד.
פֿאַר יאָרצײַטן טעג אונדז עס פֿעלן אין יאָר.
בלומען צו ווייניק דער פרילינג פֿאַר זיי אונדז געבערט.

אויב פרעגן זאָל דער וואָס וועט אויף בליצן שוין רײַטן,
אויף גאַסן ברוקירטע מיט שטערן שוין גיין,
וואָלטן זיי גרייט זײַן מיט אים זיך צו בײַטן ?
מיט קעפּ אויפגעהויבענע ענטפערן וועלן זיי : ניין !

איז זאָלן געבענטשט זײַן די יאָרן וואָס וואַכן און היטן,
וואָס האָבן די גערטנער פֿאַר דורות נײַע געגרייט,
ווען דורך זאַמדן, זומפּן און פעלדזן געשניטן
אַז יונג זאָל דאָס האַרץ זײַן און זאַט אַלע אויגן מיט פרייד.

אינהאַלט

א

געזאַנג פון זינקזאַמד דור (פּאָעמע), א—כח . . 7

ב

ליד 53

אַ בריוו 54

אין נעצן 55

פון ים־ווינט צו דער טאָכטער פון וואַלד־ווינט, א—ה . 57

נעכט, א—ג 62

כ׳האָב ליב 65

מען דרעשט דאָס קאָרן 66

ג

* ווי מאַראַנעץ 69

פון אַלע רייד 70

לאָמיר שווייגן 71

פרעמדקייט 72

איך און דו 73

ביסט געקומען 74

מיר פליִען 76

דיין בליק 77

איך קום 78

דיינע אויגן, א—ב 79

איך באַדויער 81

ד

ביים ים 85

אויף די סקאַלעס 86

אין די בערג, א—ב 87

דער ווייסער יום־טוב 89

נעכט אין די בערג 90

טייכיקע דיאַלאָגן 91

וואָלקנס אין די בערג 92
אַווינטער־פּאַרטאָג אין די פּירענייען . . . 93
פּאַריז 94
אין טוליערי 95
לבנה 96
אין וועגסען־וואַלד 98
אָוונט־גלאָקן אין ווערסאַז 99

ה

מײַן פּאָרטרעט 103
דאָס נאַכט־שפּינדל 104
כ׳שטיי אויף 105
זאָג נישט אויס 106
אין שפּיטאָל 107
דערוואַכונג 112
דאָקטער 114
דער וועקזייגער 115
זיי האָבן געקרוינט אים 116
אלול 117
ווינטן 118
בלויער פערד 119
מײַן האַרץ פאַר זיי אַ שענק 120
כ׳וועל נעמען מײַן זון־פּלאַט 121
עס בענקט אַ מענטש 122
די שונאים אַ דאַנק 123
לאַכן קען אַ מענטש דאָך בלויז 124
אין אַ שטאָל־פאַבריק 125
לאַ קאָרידאַ 127
אַלע ברעגן ווילן רו 129
אַ שלום־קאַרנאַוואַל 131
זינגער פון דאָרשטיקער ערד 134
אונדזערע יאָרן 137

ביכער פון זעלבן מחבר:

אין מיטן וועלט, לידער,
איקוף פאַרלאַג, ניו־יאָרק, 1944

הימל און ערד, לידער,
יידישער ליטעראַטור־קלוב פון אַמעריקע, ניו־יאָרק, 1947

מיטן פּנים צום לעבן, רייזע־אייַנדרוקן,
פאַרלאַג אויפסניי, פּאַריז, 1952

מיט אויגן אָפענע, לידער,
בוענאָס־איירעס, 1955

די באַלאַדע פון ליטל־ראָק,
פאַרלאַג אויפסניי, פּאַריז, 1959

איבערזעצט אויף רוסיש פון שמואל האַלקין און י. גורעוויטש
פאַרלאַג פאַר אויסלענדישער ליטעראַטור, מאָסקווע 1960

אויף פראַנצייזיש פון שאַרל דאָבזשינסקי,
פאַרלאַג אַרמאַנד ענעז, ליאָן 1961.

אָראַטאָריע אויף דער „באַלאַדע פון ליטל־ראָק״ פון קאָמפּאָזיטאָר
אַנאַטאָלי ביטשקאָוו, אַלמאַ־אַטאַ, 1965

LE YENT ME PARLE YIDISH איבערזעצט פון שאַרל דאָבזשינסקי,
פאַרלאַג פּיער סעגערס, פּאַריז, 1964

אויפן וועג צום מענטש, לידער,
פאַרלאַג יידיש בוך, וואַרשע, 1965

VOYAGE EN ISRAEL
פאַרלאַג „איירֹאָפּע״, פּאַריז, 1967

מכמורות בטרם שחר, איבערזעצט פון אַברהם שלאָנסקי,
ספרית פועלים, תל־אביב, 1973

באַמערקטע גרייזן

זייט 12, שורה 10 — לייענען: זי וואָרצלט זיך

זייט 23, שורה 2 — לייענען: מיט אויגן

פאַרלאַג „ישראל־בוך"

אריה שמרי / וואָרצלען
אַנטאָלאָגיע פון יידיש־שאַפן אין ישראל

ישעיהו שפיגל / פלאַמען פון דער ערד
ראָמאַן

רחל פישמאַן / דערנער נאָכן רעגן
לידער

מאַרגאַרעט לאַרקין / די זעקס טעג פון יד מרדכי
יידיש — ד. שטאָקפיש

רפאל מאַהלער / היסטאָריקער און וועגווייזער
עסייען

רבקה באַסמאַן / בלעטער פון ווענן
לידער

ריקודה פאָטאַש / אין געסלעך פון ירושלים
דערציילונגען

יעקב צבי שאַרגעל / זוניקע שוועלן
לידער

משה שולשטיין / איבער די דעכער פון פאַריז
דערציילונגען

אריה שמרי / דאָס יינגל פון דיזשאָן
פאָעמע

רפאל מאַהלער / ספר סאַנץ
היסטאָרישע מאָנאָגראַפיעס, זכרונות און גביות־עדות

משה גראָסמאַן / שטויב און אייביקייט
דערציילונגען און מיניאַטורן

אריה שמרי / געזאַנגען אין שײַער
לידער און פּאָעמעס

מנוחה ראַם / אַרום דער ווערבע
דערציילונגען

משה זאַלצמאַן / ...און מען האָט מיך רעהאַביליטירט
איבערלעבונגען פון אַ יידישן קאָמוניסט אין ראַטנפאַרבאַנד

אברהם שלאָנסקי / לידער
אָפּקלײַב פון א. שלאָנסקיס פּאָעטישער שאַפונג
יידיש — משה יונגמאַן

משה גראָס־צימערמאַן / דאָס וואָרט וואָס מיר שרײַבן
עסייען און פּראָפילן

רבקה באַסמאַן / ליכטיקע שטיינער
לידער

ביילע שעכטער־גאָטעסמאַן / סטעזשקעס צווישן מויערן
לידער

מלכה חפץ טוזמאַן / בלעטער פאַלן ניט
לידער

ב. דעמבלין / טאָפּלבאַנד:
אַ פרעמדע וועלט * אין נײַעם לאַנד

ישעיהו שפיגל / די קרוין
דערציילונגען

משה יונגמאַן / רעגן־בויגן צוקאָפּנס
לידער

דאָרע טייטלבוים / געזאַנג פון זינקזאַמד דור
לידער און פּאָעמעס